אצל נקבות. נכסים מועטין הנקבות דוחות אותו אצל זכרים. האומר אם תלד אשתי זכר יטול מנה ילדה זכר נוטל מנה. אם נקבה [נ] מאתים. ילדה נקבה נוטלת מאתים. אם זכר מנה ואם נקבה מאתים וילדה זכר ונקבה. הזכר נוטל ק' והנקבה נוטלת מאתים. ילדה טומטום אינו נוטל. אם אמר כל מה שתלד אשתי יטול ה"ז יטול. ואם אין שם יורש אלא הוא יורש את הכל: (ג) הניח בנים גדולים [ג] וקטנים השביחו גדולים את הנכסים השביחו לאמצע ואם [ד] אמרו ראו מה שהניח לנו אבא הרי אנו עושין ואוכלין השביחו לעצמן. וכן

**ברטנורא**

הנקבות. דאמרי ליה איתי ראיה דזכר את ושקול: הנקבות דוחין אותו אצל הזכרים. דאמרי ליה אייתי ראיה דנקבה את ותזון עמנו: ילדה זכר נוטל מנה. ואע"ג דקי"ל המזכה לעובר לא קנה הכא בשכיב מרע שזכה לבנו קנה שדעתו של אדם קרובה אצל בנו(א): ילדה זכר ונקבה. תאומים יחד (ב): ילדה טומטום אינו נוטל. האי מתניתין אדחיא ליה והלכתא שטומטום נוטל כפחות שבשניהן (ג): יורש את הכל. דלא תימא בריה בפ"ע הוא ולאו בר ירושה הוא קמ"ל: (ג) השביחו גדולים את הנכסים. בעודן בתפוסת הבית: השביחו לאמצע. וה"מ כשבחו הנכסים מחמת נכסים עצמן שלא הוציאו משלהן כלום אלא מנכסי אביהן שכרו פועלים והשביחו הנכסים מחמת עצמן אבל אם הפרו ונטעו והוציאו משלהן מה

**עיקר תוי"ט**

(א) תקנו שיטול כדי שלא תטרוף דעתו עליו כו'. דהא משום גריעותא דעובר הוא ולאו משום גריעותא דמקנה וא"כ כי דעת האב קרובה א"נ כנו מאי הוה לעשות את שאינו זוכה כזוכה אלא ודאי משום שדעתו קרובה תקנו לטירוף דעתו. כ"י ועתוי"ט: [ב] מאתים. דלענין הריוח בתו עדיפא ליה שאינה יכולה לחזור אחר מזונותיה כזכר. גמ': (ב) ואע"פ שלא התנה כי אם על זכר לבד ועל נקבה לבד נוטל הזכר כאלו נולד לבדו והנקבה כאלו נולדה לבדה. דלא עשה הלידה תנאי אלא רוצה ליתן מתנה לבניו ורוצה לנקבה ואף אם ילדה תאומים מכירים עליו ורוצה ביטלו כפי תנאו. הרא"ש: (ג) אבל אנדרוגינוס אינו נוטל כלל במקום בן או בת ועתוי"ט: [ג] וקטנים. ולא מבעיא גדולים וגדולים דפשיטא דמתלי אהדדי דאם זה מתעסק בנכסים היום גם זה נתעסק למחר. אלא אפי' קטנים כו' הגדולים מוחלין מורח מועט כזה לשכור פועלים. כ"י: [ד] אמרו. בפני ב"ד דכיון שלא השבו בב"ד נחלוק והניחו להם כל הנכסים לאו ב"ד טיב הודעת ליתומים בדבר וכולם גדולים אין חילוק בין ב"ד לעדים. הרא"ש:

---

דאס פאר מעגן איז פיל, אונ ער וויל ירשנען מיט די זכרים הזכרים דוחין אותו אצל נקבות די זכרים שטויסין אים אוועק צו די נקבות, די זכרים זאגין צו אים ברייננ עדות אז דו ביסט אזכר וועסטו ירשנען מיט אונז אונ אז דו האסט קיין עדות וועסטו געשפייזט ווערין ביז דיא צייט וואס אטאכטער דארף גע־שפייזט ווערין נכסים מועטין אז דאס פארמעגין איז ווייניג, אונ ער וויל גישפייזט ווערן מיט די טעכטער צו זאמען הנקבות דוחין אותו אצל זכרים די נקבות שטויסין אים אוועק צו די זכרים, די נקבות זאגין צו אים ברייננ עדות אז דו ביסט אנקבה וועסטו גישפייזט ווערין מיט אונז אונ אז דו האסט קיין עדות וועסטו גאר ניט נעמען האומר אם תלד אשתי זכר יטול מנה אז אקראנקער זאגט אויב מיין ווייב וועט גיבארין אזכר זאל ער נעמען הונדערט גילדין פון מיין פאר מעגין ילדה זכר אונ זי האט גיבארין אזכר נוטל מנה נעמט ער הונדערט גילדין נקבה מאתים אויב דער קראנקער האט גיזאגט אז מיין ווייב וועט גיבארין אנקבה זאל זי נעמען צוויי הונדערט גילדין פון מיין פארמעגין ילדה נקבה אונ זיא האט גיבארין אנקבה נוטלת מאתים נעמט זי צוויי הונדערט גילדין אם זכר מנה אם נקבה מאתים אז דער קראנקער האט גיזאגט אויב מיין ווייב וועט גיבארין אזכר זאל ער נעמען הונדערט גילדין, אונ אויב זי וועט גיבארין אנקבה זאל זי נעמען צוויי הונדערט גילדין וילדה זכר ונקבה אונ זי האט גיבארין אזכר מיט אנקבה אצווילינג זכר נוטל מנה דער זכר נעמט הונדערט גילדין והנקבה נוטלת מאתים אונ דיא נקבה נעמט צוויי הונדערט גילדין ילדה טומטום אינו נוטל אז זי האט גיבארין אטומטום, מען ווייס ניט וואס ער איז, אזכר צו אנקבה, נעמט ער גאר ניט

אם אמר כל מה שתלד אשתי יטול אויב ער האט גיזאגט וואס מיין ווייב וועט גיבארין זאל ער נעמען פון מיין פארמעגין (ער האט גיזאגט ווי פיל ער זאל נעמען), אונ דאס ווייב האט גיבארין אטומטום הרי זה יטול זאל דער טומטום נעמען וויא פיל דער פאטער האט גיזאגט ואם אין שם יורש אלא הוא אויב עס איז ניטא קיין אנדער קינד נאר דער טומטום יורש את הכל ירשנט דער טומטום דאס גאנצע פארמעגין פון פאטער: ג הניח בנים גדולים וקטנים איינער איז גישטארבין אונ האט גילאזין זיהן גרויסע אונ קליינע השביחו גדולים את הנכסים אונ די אלטערע זיהן האבין פאר בעסערט די פעלדער השביחו לאמצע האבין זיא פארבעסערט אין העלפט, אזוי ווי אלע קינדער טיילין זיך גלייך אין די פעלדער, אזוי טיילין זיי זיך גלייך אין די פאר בעסערונג אויך, דאס איז נאר אז די אלטערע קינדער האבין פאר בעסערט די פעלדער פון די ירושה געלט ניט פון זייער אייגענע געלט אם אמרו ראו מה שהניח לנו אבא אבער אז דיא אלטערע זיהן האבין גיזאגט צו בית דין זעהט די פעלדער וואס אונזער פאטער האט אונז גילאזין, ווי שלעכט זיי זענען, אונ ווי פיל זייא זענען איצט ווערט הרי אנו עושים מיר וועלין ארבעטין אין די פעלדער אונ מיר וועלין זיי פאר בעסערין ואוכלין אונ מיר וועלין עסין ווי פיל דאס פאר בעסערונג וועט ווערט זיין דהיינו פריער האט געוואקסין אין די פעלד תבואה פאר הונדערט רובל אונ איצט וואקסט תבואה פאר הונדערט מיט פופציג רובל השביחו לעצמן האבין זיי פאר בעסערט פאר זיך דיא פופציג רובל תבואה גיהער צו די קינדער וואס האבין דיא פעלד פאר

האשה שהשביחה את הנכסים השביחה לאמצע. אם אמרה ראו מה שהניח לי בעלי הרי אני עושה ואוכלת השביחה [ה] לעצמה: (ד) [ו] האחין השותפין שנפל אחד מהן לאומנות נפל לאמצע. חלה ונתרפא נתרפא משל עצמו. האחין שעשו מקצתן [ז] שושבינות בחיי האב חזרה שושבינות

שהשביחו השביחו לעצמן: וכן האשה שהשביחה. בגמ' מוקמינן לה באשה יורשת כגון שנשא ראובן את בת שמעון אחיו ומת בלא בנים ובנות שמעון אחיו יורשות אותו נמלאת אשתו שהיא בת שמעון אחיו יורשת אותו עם שאר אחיותיה סד"א דבההיא הנאה דנפיק עלה קלא שמולטת ומשבחת אפי' כי אמרה ראו מה הניח לי בעלי כו' אפ"ה מחלה ורוצה שיהיה השבח לאמצע קמ"ל שהשביחה לעצמה (ד): (ד) שנפל אחד מהן לאומנות. לעבודת המלך שכן מנהג המלך להעמיד מכל בתי העיר אדם א' למוכס חודש א' או שני חדשים: נפל לאמצע. כל הריוח מפני שמחמת אביהן באת לו אבל אם מחמת עצמו מפני חריפותו וחשיבותו וחכמתו נלקח לעבודת המלך (ה) מה שהרויח הרויח לעצמו: חלה ונתרפא. אם חלה באונס כלו' שלא פשע הוא בעצמו מתרפא מן האמצע אבל אם חלה מצנים ופחים וכיוצא בהן (ו) דכתיב בהו שומר נפשו ירחק מהם בהא אמרינן במתניתין דאינו מתרפא אלא משל עצמו: שושבינות. דרך שושבינות נוטל (ז) סעודה ודורון לחופה ואוכל עמו וזה חוזר ועושה כן לזה ג"כ כשישא אשה ואם שלח האב שושבינות בסתם על יד אחד מבניו וחזרה השושבינות אח"כ לאחר שמת האב חזרה לאמצע (ח) מפני שהיא

[ה] לעצמה. והוא דלא שקלה מזוני דאי שקלה מזוני לא דתנן בפי"א דכתובות אלמנה ניזונית מנכסי יתומים מעשה ידיה שלהן ר"ש: (ד) וקישא שהשביחה לאמצע אבמעי' דמ"ד כיון דלא דרכה למיטרח אע"ג דלא פריש כפריש דמי קמ"ל. גמ': [ו] האחין כו'. באחין שהן שותפים שהם אין שותפים יחד בתפיסת הבית או שותפין דעלמא שאינם אחים אין שייך בדין זה ומסתמא מקרי אחין שותפין כשעומדין יחד בלא חלוקה אפי' עד ג' דורות. כ"י. אבל הרא"ש והטור גר' והשותפין דס"ל דה"ה בשאר שותפין. וכ"ה דעת הר"מ ועתוי"ט: (ה) פי' לפרושו דדוקא כשפירשו בשעת לקיחתו מפני חריפותו כו' לוקחים אותו דאל"כ אע"פ שהוא חריף אם המנהג לעמוד מכל בתי העיר כו' השכר לאמצע. גמ': (ו) כגון שאכל המאכלות שהם מפורסמות ברעה והתמיד בהם או שעמד זמן רב בחום השמש או בקור. הר"מ. וחום היינו פחים מל' עד סיפות היום. כ"י ועתוי"ט: [ז] שושבינות. רעי דוד מתרגמינן שושביני דדוד. ר"ש. וז"ל הר"מ המעות ששולחין נקראים שושבינות ואותם ששלחו המעות ואוכלין ושותין עם החתן נקראין שושבינים: (ז) ל' הר"מ ועיינו נושא: (ח) וא"ל להחזיר הכל

---

בעסערט וכן האשה שהשביחה את הנכסים ראובן האט גינומען אווייב זיין ברודער שמעון'ס אטאכטער, אונ ראובן איז געשטארבין אן קינדער, אונ שמעון איז אויך געשטארבין אונ האט גילאזין טעכטער, די ווייב פון ראובן אונ נאך טעכטער וואס זיי זענען שוועסטער פון ראובן'ס ווייב, זייא אלע ירשענען דעם פארמעגין פון ראובן, אויב ראובן'ס ווייב האט פאר בעסערט די פעלדער פון איר מאן ראובן השביחה לאמצע האט זי פאר בעסערט אין העלפט, גענומט די ווייב פון ראובן אגלייכין חלק מיט אירע שוועסטער אין די פעלדער אונ אין די פארבעסערונג [וואס איז נאר אז זיא האט פאר בעסערט די פעלדער פון די ירושה געלט ניט פון איר אייגענע געלט] אם אמרה ראו מה שהניח לי בעלי אויב זי האט גיזאגט צו בית דין זעהט די פעלדער וואס מיין מאן האט מיר גילאזין, ווי שלעכט זיי זענען אונ ווי פיל זיי זענען איצט ווערט הרי אני עושה ואוכלת איך וועל ארבעטין אין די פעלדער אונ וועל זייא פאר בעסערין, אונ וועל עסין ווי פיל דאס פאר בעסערונג וועט ווערט זיין השביחה לעצמה האט זי פאר בעסערט פאר זיך [ווי פריער שטייט]: ד האחין השותפין ברידער וואס זיי זענען שותפים, זייא האבין זיך נאך ניט צוא טיילט מיט דיא ירושה (ועתוי"ט) שנפל אחד מהן לאומנות איין ברודער האט מען גינומען צוא דיא ארבעט פון מלך. דער מנהג איז גיוועזן יעדער בעל הבית האט גידארפט געבין אמענטשין צום מלך אויף צוויא אדער דרייא חדשים אפ צו נעמען די פאראטקעס פון מלך, אונ דער מענטש האט גיהאט זיין פאר דינסט פון מלך פאר זיין ארבעט נפל לאמצע איז זיין פאר דינסט אין שותפות ביז דיא איבעריגע ברידער חלה ונתרפא אז איין ברודער איז קראנק גיוואָרען [ווייל ער איז גישטאנען אויף דיא קעלט, אדער ווייל ער האט גיגעסין אשלעכט עסין, וואס ער איז אליין שולדיג אין די קראנקייט זיינע] אונ ער דארף זיך היילין נתרפא משל עצמו מוז ער זיך היילין פון זיין געלט, אבער אז ער איז קראנק גיווארין אונ ער איז ניט שולדיג אין זיין קראנקייט, היילט ער זיך פון ירושה געלט האחין שעשו מקצתן שושבינות בחיי האב דער מנהג איז גיוועזן פאר צייטין אז איינער [ראובן] האט חתונה גיהאט, פלעגין קומען זיינע גוטע פריינד יעדער האט געברייננט אמתנה צום חתן [צו ראובן] אונ זייא פלעגין עסין אונ טרינקען מיט דעם חתן פון זייער געלט, דער נאך אז דער גוטער פריינד האט חתונה גיהאט, פלעגט מען איהם ברייננען מתנות אונ מען פלעגט מיט איהם עסין אונ טרינקען, אונ אז ראובן האט ניט גיוואלט גיין צו דער חתונה פון זיין גוטען פריינד אונ האט איהם ניט גיוואלט אפ געבין די מתנה אונ דאס עסין אונ טרינקען וואס דער גוטער פריינד האט מיט איהם גיגעסין, האט מען דאס גיקענט אפ געמען בייא ראובן דורך בית דין, נארום דאס איז גיוועזן ווי אהוב, זאגט די משנה אויב אפאטער האט געשיקט מתנות צו אחתן דורך זיינעם אזוהן [אדער ער האט געשיקט מתנות צו עטליכע חתנים דורך עטליכע זיהן זיינע], דאס הייסט האחין שעשו מקצתן שושבינות בחיי האב, ברידער וואס זייער פאטער איז געשטארבין, אונ אביסעל פון די ברידער האבין גיגעבין מתנות צו חתנים, ווען דער פאטער האט נאך גילעבט, דער פאטער אליין האט זייא גיגעבין מתנות אוועק צו טראגין

חזרה לאמצע שהשושבינות נגבית בב"ד. אבל השולח לחבירו כדי יין וכדי שמן אין נגבין בב"ד מפני שהן ג"ח: (ה) השולח סבלונות לבית חמיו [ח] שלח שם מאה מנה ואכל שם סעודת חתן אפי' בדינר אינן נגבין. לא אכל שם סעודת חתן הרי אלו נגבין. שלח סבלונות מרובים כדי שיחזרו עמה לבית בעלה הרי אלו נגבין. סבלונות מועטין כדי שתשתמש בהן בבית אביה אינן נגבין: (ו) שכיב מרע [ט] שכתב כל נכסיו לאחרים שייר

כמלוה שהרי נגבית בב"ד שיכול המוליך שושבינות לחבירו לחזור ולתבוע ממנו בב"ד שיתן לו שושבינות כדרך שנתן לו והוא שיהיו נשואי השני כנשואי הראשון אם בתולה בתולה ואם אלמנה אלמנה ואם פרהסיא פרהסיא ואם בצינעא בצינעא שיכול השני לומר לראשון אימי עושה עמך אלא כדרך שעשית עמי: אבל השולח לחבירו כדי יין וכדי שמן. בלא חופה א"כ בחופה ואינו הולך לאכול עמו אין זו שושבינות אלא מתנה ואינה נגבית בב"ד: (ה) השולח סבלונות. מנהג חתנים למחרת הקדושין שולחין לבית הארוסה תכשיטים ומיני מגדנות וכדי יין וכדי שמן ופעמים הולך החתן ואוכל שם: אין נגבין. אם מת הוא או מתה היא. או שבא לגרשה. דמחמת חבת שמחת אכילה מחל ודוקא שאכל בדינר אבל אכל פחות מדינר לא מחל וגובה הסבלונות: שלח סבלונות מרובים. ואפי' מועטים אם פירש על מנת שיבואו עמה לבית בעלה הרי אלו נגבין ואורחא דמלתא נקט שדרך סבלונות ששולחין כדי שיבואו לבית בעלה להיות מרובין ואותן ששולחין כדי שתתקשט בהן בבית אביה דרכן להיות מועטין: (ו) שייר קרקע כל

בנשואי הראשון אלא משלם לכל א' חלקו כשנושא. טור ועתוי"ט: [ח] שלח כו'. ובסתם דהא בסיפא מפליג במפרש. ר"ש: [ט] שכתב. וה"ה אם חלק על פיו בלא כתיבה שאמר נכסי לפלוני כו'

---

צו דיא חֲתָנִים חָזְרָה שׁוֹשְׁבִינוּת אַז אֵיינֶער פוּן דיא בְּרִידֶער הָאט חֲתוּנָה, אוּנ מֶען בְּרֵיינְגְט אִיהם דִי מַתָּנוֹת וָואס זַיין פָאטֶער הָאט דוּרְךְ אִיהם גִיגֶעבִּין חָזְרָה לָאֶמְצַע אִיז דָאס אוּמְגִיקֶערְט אִין שׁוּתְּפוּת, הָאבִּין אַלֶע בְּרִידֶער אִין דֶעם אַחֵלֶק שֶׁהַשּׁוֹשְׁבִינוּת נִגְבֵּית בְּבֵית דִין וָוארוּם דִי מַתָּנוֹת קֶען מֶען אָפּ נֶעמִין דוּרְךְ בֵּית דִין, אִיז גְלַייךְ וִויא אֵיינֶער בְּצָאהֶלְט אַחוֹב וָואס עֶר אִיז שׁוּלְדִיג גִיוֶועזְן צוּם פָאטֶער, דַארְפִין אַלֶע בְּרִידֶער זִיךְ צוּ טֵיילִין מִיט דֶעם חוֹב אֲבָל הַשּׁוֹלֵחַ לַחֲבֵרוֹ כַּדֵּי יַיִן וְכַדֵּי שֶׁמֶן אָבֶּער אַז אֵיינֶער שִׁיקְט צוּא זַיין חָבֵר קְרִיג וַויין אָדֶער קְרִיג אֵייל, גִישְׁט צוּ אַחוּפָּה (אַזוֹי וִויא עֶס פְלֶעגְט זַיין דֶער מִנְהָג אַז אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט בַּייא זִיךְ אַגַאסְט פְלֶעגִין דִי אַלֶע גוּטֶע פְרֵיינְד אִיהם שִׁיקֶען וַויין, אָדֶער דֶעם שַׁבָּת נָאךְ אַחֲתוּנָה שִׁיקְט מֶען וַויין דָארְט וְואוּ דֶער חָתָן מִיט דִי כַּלָה זֶענֶען) אֵין נִגְבִּין בְּבֵית דִין דִיא זַאכִין קֶען מֶען נִיט אָפּ נֶעמִין צוּרִיק דוּרְךְ בֵּית דִין [אַז עֶר הָאט אַגַאסְט בַּייא זִיךְ אָדֶער עֶר הָאט בַּייא זִיךְ חָתָן כַּלָה אוּנ זַיין חָבֵר וִויל אִיהם נִיט צוּרִיק שִׁיקֶען וַויין, קֶען עֶר נִיט מָאנֶען בַּייא זַיין חָבֵר עֶר זָאל אִיהם צוּרִיק שִׁיקֶען דִי וַויין וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעשִׁיקְט] מִפְּנֵי שֶׁהֵן גְמִילוּת חֲסָדִים וַוייל דָאס אִיז נָאר גִיוֶועזְן אַטוֹבָה וָואס עֶר הָאט גִיטָאהְן צוּ זַיין חָבֵר, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט דִיא וַויין צוּ דֶעם כָּבוֹד פוּן דֶעם גַאסְט אָדֶער צוּ דֶעם כָּבוֹד פוּן חָתָן כַּלָה: ה הַשּׁוֹלֵחַ סִבְלוֹנוֹת לְבֵית חָמִיו אַז אֵיינֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מַתָּנוֹת צוּ זַיין כַּלָה וָואס זִיא אִיז גִיוֶועזְן בַּייא זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב, [פָאר צֵייטִין אִיז גִיוֶועזְן דֶער מִנְהָג צוּ דִי תְּנָאִים פְלֶעגְט דֶער חָתָן מְקַדֵּשׁ זַיין דִי כַּלָה, אוֹיף מָארְגִין נָאךְ דִי תְּנָאִים פְלֶעגְט דֶער חָתָן שִׁיקֶען צוּ דִי כַּלָה מַתָּנוֹת, אוּנ גוּטֶע שְׁפֵּייזִין אוּנ וַויין אוּנ אֵייל, אוּנ אַמָאהְל פְלֶעגְט דֶער חָתָן אוֹיךְ מִיט קוּמֶען אוּנ פְלֶעגְט דָארְט עֶסִין מִיט זַייא אַסְעוּדָה דִיא סְעוּדָה הֵייסְט סְעוּדַת חָתָן] אוֹיבּ עֶס הָאט גִיטְרָאפִין אַז נָאךְ דִי תְּנָאִים אִיז גִישְׁטָארְבִּין דֶער חָתָן אָדֶער דִי כַּלָה, אָדֶער דֶער חָתָן וִויל נִיט דֶעם שִׁידוּךְ שָׁלַח שָׁם מֵאָה מָנֶה אֲפִילוּ דֶער חָתָן הָאט גֶעשִׁיקְט מַתָּנוֹת צוּ דִי כַּלָה פַאר הוּנְדֶערְט מָאהְל הוּנְדֶערְט גִילְדִין וְאָכַל שָׁם סְעוּדַת חָתָן אֲפִילוּ בְּדִינָר אוֹיבּ דֶער חָתָן הָאט גִיגֶעסִין בַּייא דִי כַּלָה דִי סְעוּדַת חָתָן, אֲפִילוּ וָואס עֶר הָאט גִיגֶעסִין אִיז נִיט מֶעהְר וֶוערְט גִיוֶועזְן נָאר אֵיין גִילְדִין, פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אֵינָן נִגְבִּין קֶען מֶען נִיט אָפּ נֶעמֶען צוּרִיק דִי מַתָּנוֹת פוּן דִי כַּלָה, וָוארוּם וֶועגִין דִי שִׂמְחָה פוּן דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גִישֵׁיינְקְט דִי מַתָּנוֹת צוּ דִי כַּלָה לֹא אָכַל שָׁם סְעוּדַת חָתָן אוֹיבּ דֶער חָתָן הָאט נִיט גִיגֶעסִין בַּייא דִיא כַּלָה דִיא סְעוּדַת חָתָן הֲרֵי אֵלּוּ נִגְבִּין קֶען מֶען אָפּ גֶעמֶען דִיא מַתָּנוֹת צוּרִיק פוּן דִי כַּלָה שָׁלַח סִבְלוֹנוֹת מְרוּבִּין אוֹיבּ דֶער חָתָן הָאט גֶעשִׁיקְט פִיל מַתָּנוֹת [אוּנ אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט וֵוייניג מַתָּנוֹת] נָאר עֶר הָאט אוֹיס גִירֶעט מִיט דִי כַּלָה שֶׁיַּחְזְרוּ עִמָּהּ לְבֵית בַּעְלָהּ אַז נָאךְ דֶער חֲתוּנָה מוּז זִיא דִי אַלֶע מַתָּנוֹת בְּרֵיינְגֶען צוּם מַאן [דָאס הֵייסְט צוּ אִיהם] הֲרֵי אֵלּוּ נִגְבִּים דִי מַתָּנוֹת קֶען דֶער חָתָן אוֹיף מָאנֶען צוּרִיק אוֹיבּ עֶר גֶעט אִיהר, אָדֶער זִיא שְׁטַארְבְּט, אוּנ אוֹיבּ דֶער חָתָן שְׁטַארְבְּט מָאנֶען זַיינֶע יוֹרְשִׁים דִיא מַתָּנוֹת פוּן דִי כַּלָה סִבְלוֹנוֹת מוּעָטִין שֶׁתִּשְׁתַּמֵּשׁ בָּהֶן בְּבֵית אָבִיהָ אָבֶער אַז דֶער חָתָן הָאט גֶעשִׁיקְט וֵוייניג מַתָּנוֹת [אָדֶער אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט פִיל מַתָּנוֹת] נָאר עֶר הָאט גִיזָאגְט דִיא כַּלָה זָאל נִיצֶען דִיא מַתָּנוֹת וֶוען זִיא אִיז נָאךְ בַּייא אִיהר פָאטֶער אִין שְׁטוּבּ, אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעזָאגְט צוּ דִיא כַּלָה זִיא זָאל מִיט בְּרֵיינְגֶען דִיא מַתָּנוֹת וֶוען זִיא וֶועט קוּמֶען צוּא אִיהם נָאךְ דֶער חֲתוּנָה, אוֹיבּ דֶער חָתָן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אָדֶער דִיא כַּלָה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען אָדֶער עֶר גֶעט דִיא כַּלָה אֵינָן נִגְבִּין וֶוערִין נִיט אָפּ גִינוּמֶען דִיא מַתָּנוֹת פוּן דִיא כַּלָה: ו שְׁכִיב מְרַע שֶׁכָּתַב כָּל נְכָסָיו לַאֲחֵרִים אַקְרַאנְקֶער הָט פַאר שְׁרִיבֶּען

קרקע כל שהוא מתנתו קיימת לא שייר קרקע כל שהוא [י] אין מתנתו קיימת. לא כתב בה שכיב מרע הוא אומר שכיב מרע היה והן אומרין בריא היה צריך להביא ראיה שהיה שכיב מרע. דברי ר"מ. וחכ"א המוציא מחבירו ע"ה: (ז) המחלק נכסיו על פיו [כ] רבי אליעזר אומר א' בריא ואחד

שהוא. וה"ה אם שייר לעצמו מטלטלין מתנתו מתנה ואם עמד אינו חוזר והוא שקנו מידו על אותה מתנה דמתנת שכיב מרע במקצת בעיא קנין בין עמד בין לא עמד ואם לא קנו מידו לא קנה מקבל המתנה אפילו מת השכיב מרע ודוקא כשבא להקנות המתנה מחיים (ע) אבל אם אמר יתנו לפלוני כך וכך אחר מותי אינו צריך קנין ואפי' שייר לעצמו ושכיב מרע שבא ליתן מתנה מחיים אם לא שייר לעצמו כלום ועמד חוזר ואפי' קנו מידו ומלוה מחמת מיתה דשנעא ליה דקאמר זוי ליה דמיית לעולם חוזר בין לא שייר בין שייר ואפי' קנו מידו ואם מת קנה (י) מקבל המתנה ואפי' בלא קנין: לא כתב בה שכיב מרע. כדקציר ורמי בערסיה ואף לא לשון מתנת בריא כד הלך על רגלוהי בשוקא ולא שייר כלום: הוא אומר שכיב מרע הייתי. וחוזרני בי והלה אומר בריא היית ולא תחזור: צריך להביא ראיה. שהיה שכיב מרע דבתר השתא אזלינן דהאידנא בריא הוא ועליו להביא ראיה שהיה שכיב מרע בשעת המתנה: וחכ"א. לא אזלינן בתר השתא אלא אמרינן המע"ה ומקבל המתנה שבא להוציא מיד הנותן שהוא מוחזק עליו להביא ראיה שבריא היה באותה שעה. והלכה כחכמים: (ז) ר"א אומר א' בריא וא' מסוכן. רבי אליעזר ס"ל דדברי שכיב מרע ככתובים וכמסורין דמי ואפי' מלוה מחמת מיתה (יא) ס"ל דאין מתנתו מתנה אלא בקנין

כו'. ר"ש: (פ) ולא במפרש. דמלתא דפשיטא היא ולא צריכא למימר שהיא מתנה כריא. אלא ה"ק דוקא כשהוכל לומר שבא להקנות המתנה מחיים דהיינו שהקנה בסתם ולא פירש לאחר מותו ופמ"ע: [י] אין כו'. פלומר ואם עמד חוזר והוא שכתב הר"ב וש"מ שבא ליתן מחיים כו'. וטעמא דחוזר דלא שביק נפשיה ערטלאי: (י) קאי גם אש"מ שבא ליתן מחיים: [כ] כא"א כו'. כלו' כא"א דעל פיו לא מהני: (יא) דהא מפרש

---

זיין פאר מעגן צו אנדערע מענטשין ושייר קרקע כל שהוא און אשטיקול פעלד אדער אנדערע זאכען האט ער געלאזען פאר זיך, און דער קראנקער איז געזונד געווארען מתנתו קיימת וואס ער האט געשענקט איז פאר פאלין, און ער קען ניט חרטה האבין און זאגין ער האט נאר געשענקט ווייל ער האט געמיינט אז ער וועט שטארבען, אבער אז ער וואלט וויסין ער וועט געזונד ווערין וואלט ער ניט געשיינקט, דאס איז ניט אמת, אז ער האט גירעכינט צוא שענקען ווייל ער האט געמיינט ער וועט שטארבען צוא וואס האט ער גילאזין פאר זיך וואס ער האט גילאזין, פאר וואס האט ער ניט אלץ געשיינקט, צו וואס דארף ער נאך דעם שטארבען וואס ער האט געלאזין, נאר געוויס האט ער געמיינט צו שיינקען אויף אייביג אפילו ער וועט געזונד ווערין, דריבער האט ער פאר זיך עפעס גילאזין ער זאל האבין פון וואנען צו לעבין ווען ער וועט געזונד ווערין, לא שייר קרקע כל שהוא אבער אז ער האט ניט גילאזין פאר זיך אשטיקול פעלד און ניט אאנדער זאך. ער הט אלץ אוועק געשיינקט, און ער איז געזונד געווארין אין מתנתו קיימת איז דאס קיין מתנה, ווארום וויא אזוי שיינקט אמענטש אוועק זיין גאנץ פארמעגין און לאזט גאר ניט פאר זיך, געוויס האט ער דאס געטאהן ווייל ער האט געמיינט ער וועט שטארבין אבער איצט אז ער איז געזונד געווארין קען ער חרטה האבען לא כתב בה שכיב מרע ראובן האט געשריבען ער שיינקט זיין פאר מעגין צו שמעון, און ראובן האט פאר זיך גאר ניט געלאזין, און עס שטייט ניט געשריבען וואס ראובן איז געוועזן ווען ער האט געשיינקט, אויב ראובן איז קראנק געוועזן האט גידארפט שטיין געשריבען "כד קציר ורמי בערסיה" אז ער איז געוועזן קראנק און גילעגין אויף זיין בעט, און אויב ראובן איז געזונד געוועזן האט גידארפט שטיין "כד הלך על רגלוהי בשוקא" ווען ער איז געגאנגען מיט זיינע פים אין גאס, און ביידע זאכין זענען ניט געשטאנען געשריבען הוא אומר שכיב מרע היה ראובן זאגט ער איז קראנק געוועזן ווען ער האט געשיינקט זיין פארמעגין, און ווייל ער האט געמיינט ער וועט שטארבין דריבער הט ער אוועק געשיינקט זיין גאנצין פארמעגין, איצט אז ער איז געזונד געווארען האט ער חרטה והן אומרים בריא היה און זיי זאגין [שמעון אדער נאך אנדערע] יורשים אז ראובן איז געזונד געוועןווען ער האט געשיינקט זיין פארמעגין, קען ער ניט חרטה האבען, צריך להביא ראיה שהיה שכיב מרע דארף ראובן ברייננגען עדות אז ער איז קראנק געוועזן ווען ער האט געשיינקט זיין פארמעגין דברי רבי מאיר אזוי זאגט רבי מאיר וחכמים אומרים און דיא חכמים זאגין המוציא מחברו עליו הראיה דער וואס וויל אוים ציהען געלט פון זיין חבר דער דארף ברייננגען עדות אז עס איז אמת ווי ער זאגט, און שמעון וויל דאך אוים ציהען געלט פון ראובן דריבער דארף שמעון ברייננגען עדות אז ראובן איז געוועזן געזונד ווען ער האט געשיינקט דיא מתנה: ז המחלק נכסיו על פיו אז איינער [ראובן] צו טיילט זיין פאר מעגין אום וויינינג, ער שרייבט ניט, נאר ער זאגט אוים וויינינג צוא דעם מענטש [צו שמעון] שיינק איך דיא זאך און צו דעם מענטש [צו לוי] שיינק איך דיא זאך און אזוי האט ער צו טיילט פיל זאכין צו פיל מענטשין, רבי אליעזר זאגט אחד בריא ואחד מסוכן סיי ראובן איז געוועזן אגעזונטער אויב סיי ראובן איז געוועזן נאנט צום שטארבין, איז

דברי רוכל מתנה במקלת הוא ואי בש"מ הא לכ"ע בעינן קנין כדלעיל. אלא במלוה מחמת מיתה היתה יא"כ ע"כ פליג ר"א אפי' במלוה מחמת מיתה. ר"ש ועתוי"ט: [ל] רוכל. שם אכותם. ר"ש: (יב) והלואי שהקברם אמם ורבנן קאמרי דלא היו רשעים ולפיכך אין לומר שקנסום. בגמ' ועתוי"ט: [מ] בשבת כו'. שלא תטרוף דעתו שמן הדין אין יכול לקנות ולכתוב. אבל לא בחול שיש תקנה בקנין וכתיבה ולמה תטרוף דעתו. ר"ש: [נ] אמרו. אע"ג דל"ל מגו דיכול לקנות ולכתוב: [ס] ק"ו בחול. דכל שראוי לבילה כו'. ר"ש: (יג) נקט כתובים משום קנ‍ינות דנקנין בשטר ולמסורים משום מפלטלין דנקנין במסירה: (יד) ואע"ג דקנין יש בו משום מקח וממכר. דאסור משום שבות בש"מ התירו כדי שלא תטרוף דעתו: [ע] לקטן. הואיל ואין לו יד לזכות לעצמו ממנו

מסובן נכסים שיש להן אחריו' נקנין בכסף ובשטר ובחזקה ושאין להן אחריו' אין נקנין אלא במשיכה. אמרו לו מעשה באמן של בני [ל] רוכל שהיתה חולה ואמרה תנו כבינתי לבתי והוא בשנים עשר מנה ומתה וקיימו את דבריה. אמר להן בני רוכל תקברם אמן. וחכ"א [מ] בשבת דבריו קיימין מפני שאינו יכול לכתוב אבל לא בחול. רבי יהושע או' בשבת [נ] אמרו [ס] ק"ו בחול. כיוצא בו זכין [ע] לקטן ואין זכין לגדול. ר' יהושע אומר לקטן

כמתנת בריא. ואין הלכה כרבי אליעזר: כבינתי. תרגום רדידים כבנתא: תקברם אמן. כלו' אין מביאין ראיה מהם שרשעים היו (יב) וקנסא קנסו רבנן לבנים לקיים לבת מתנת אמן אף ע"פ שלא היה מן הדין: אבל לא בחול. אם חלק השכיב מרע נכסיו בחול: ק"ו בחול. וכן הלכה דבין בחול ובין בשבת דברי שכיב מרע ככתובין וכמסורין דמי (יג) וא"ל קנין ואם שאל שיקנו מידו קונין ממנו בין בחול בין בשבת (יד) כדי שלא תטרוף

אזוי דער דין נכסים שיש להן אחריות אויב ראובן הט זיי געשיינקט פעלדער אדער הייזער נקנין בכסף דארף שמעון אדער לוי געבין עפעס געלט צוא ראובן וועלין דיא פעלדער געהערין צו זיי ובשטר אדער ראובן זאל שרייבין אויף אפאפיר דיא פעלד גיב איך צו שמעון אונ דיא פעלד צו לוי, אונ ראובן זאל זייא געבין דעם פאפיר, וועלין שוין דיא פעלדער געהערין צו זייא ובחזקה אדער שמעון אונ לוי גייען אריין אין דיא פעלדער וואס ראובן האט זיי געשיינקט, אונ זיי גראבין דארט אביסול אדער זייא פאריכטען עפעס אין דיא פעלדער, געהערין שוין דיא פעלדער צו זייא ושאין להן אחריות אונ אויב ראובן האט זיי געשיינקט אזעלכע זאכין וואס מען קען זיי טראגין פון איין ארט צום אנדערין אין נקנין אלא במשיכה געהערין ניט די זאכין צו שמעון אונ ניט צו לוי ביז שמעון אונ לוי נעמען די זאכין צו זיך אמרו לו האבען די חכמים געזאגט צו רבי אליעזר מעשה באמן של בני רוכל שהיתה חולה עס האט געטראפין די אשה רוכל וואס זיא איז געווען אמוטער פון זיהן [ויא האט געהאט זיהן] איז קראנק געווארין ואמרה תנו כבינתי לבתי והיא בשנים עשר מנה אונ זיא הט גיזאגט פאר איהר טויט מען זאל געבין איהרע צירונג וואס זענען ווערט צוועלף הונדערט גילדין צו איהר טאכטער ומתה אונ זיא איז געשטארבין וקיימו את דבריה אונ די חכמים האבין מקיים געווען איהרע רייד, מען האט דיא צירונג גיגעבין צו דיא טאכטער, אפילו דיא טאכטער האט ניט גינומען די צירונג צו זיך ווען דיא מוטער האט גילעבט. איז דאך אקשיא אויף רבי אליעזר אמר להן האט רבי אליעזר גיזאגט צו דיא חכמים בני רוכל תקברם אמן דיא זיהן פון רוכל זענען געווען רשעים הלואי וואלט זייא דיא מוטער בגראבין, דריבער האבען דיא רבנן געזאגט מען זאל געבין דיא צירונג צו

דיא טאכטער אונ ניט צו דיא זיהן אפילו דער דין איז ניט אזוי, ווייל דיא רבנן האבין גיוואלט קנסנען דיא זיהן פון רוכל וחכמים אומרים אונ דיא חכמים זאגין בשבת דבריו קיימין אויב דער קראנקער האט צו טיילט זיין פאר מעגין אום ווייניג אום שבת, זענען זיינע רייד גוט טוהט מען ווי דער קראנקער האט גיבאטין אונ יעדער האט זוכה גיווען וואס דער קראנקער האט איהם גיגעבין מפני שאין יכול לכתוב ווייל שבת קען מען ניט שרייבען אבל לא בחול אבער אז דער קראנקער האט צו טיילט זיין פאר מעגין אום ווייניג אום דער וואכין, איז זיינע רייד גאר ניט, מען האט דאך גיקענט שרייבין פאר וואס האט מען ניט געשריבען, רבי יהושע זאגט בשבת אמרו אז דער קראנקער האט צו טיילט זיין פארמעגין אום ווייניג אום שבת האט מען געזאגט אז זיינע רייד איז גוט אונ יעדער האט קונה געווען אום שבת וואס דער קראנקער האט איהם געגעבען קל וחומר בחול אז ער האט צו טיילט זיין פאר מעגין אום ווייניג אום דער וואכין, איז געווים זיינע רייד גוט אונ יעדערער האט קונה געווען וואס דער קראנקער האט איהם געגעבין [ועתוי"ט] כיוצא בו אזוי אגלייכין האט מען געזאגט זכין לקטן ואין זכין לגדול אז איינער שיינקט אזאך צו אקינד, קען איין אנדערער אגרויסער צו נעמען דיא זאך פון דעם וואס שיינקט אונ זוכה זיין פאר דעם קינד ווייל דאס קינד קען ניט זוכה זיין פאר זיך, אבער אז איינער וויל שיינקען אזאך צו אגרויסען, קען ניט איין אנדערער צו נעמען דיא זאך פון דעם וואס שיינקט אונ זוכה זיין פון זיינעט וועגין, ווייל דער גרויסער קען אליין זוכה זיין פאר זיך דברי רבי אליעזר אזויא זאגט רבי אליעזר, רבי יהושע זאגט לקטן אמרו אויב מען האט געזאגט מען קען זוכה זיין פאר אקינד, וואס דאס קינד קען

נים

דעתו עליו: (ח) יורשי האב אומרים הבן מת ראשון. ואין ב"ח יכול להפרע מנכסים אלו שהרי לא זכה בהן הבן מעולם: ובעלי החוב אומרים האב מת ראשון. ונפלו הנכסים שעה אחת לפני הבן והם משועבדים לכתובת אשה ולב"ח: בש"א יחלוקו. דקסברי ב"ש שטר העומד לגבות כגבוי דמי ויורשי האב וב"ח תרוייהו מוחזקים הוו לפיכך יחלוקו: ובה"א. הנכסים בחזקת יורשים וכמוחזקים דמי (טו) וב"ה בא להוציא מידם ועליו להביא ראיה שהאב מת תחלה: (ט) האשה מתה תחלה. ואין ליורשי האשה כלום שהרי הבעל מת אחרון וירש את אשתו: נכסים בחזקתן. נכסי צאן ברזל בחזקתן ולא פירשו ב"ה אי בחזקת יורשי האשה שהיו שלה (טז) אי בחזקת יורשי הבעל שאחריותן עליו הילכך נכסי צאן ברזל יחלוקו וכתובת אשה שהם מנה מאתים ותוס' כשארים בחזקת יורשי

[פ] אמרו ק"ו לגדול: (ח) נפל הבית עליו ועל אביו או עליו ועל מורישיו והיתה [צ] עליו כתובת אשה ובעלי חוב יורשי [ק] האב אומרים הבן מת ראשון ואח"כ מת האב ובעלי החוב אומרים האב מת ראשון ואח"כ מת הבן בש"א יחלוקו ובה"א נכסים בחזקתן: (ט) נפל הבית עליו [ר] ועל אשתו יורשי הבעל אומרים האשה מתה ראשונה ואחר כך מת הבעל. יורשי האשה אומרים הבעל מת ראשון ואח"כ מתה האשה בש"א [ש] יחלוקו וב"ה אומרים

שנותנין לו. תקנו חכמים שיהא אחר זוכה ומקבל לצרכו ואין זכין לגדול שהרי יכול לזכות בעצמו: [פ] אמרו. משום דזכין לו שלא בפניו וכ"ש לגדול שיש לו יד לקבל ולזכות ושליח כמי שלי משוי וסילכך כ"ש דזכין לאדם שלא בפניו. ר"ש: [צ] עליו. על הבן כתובת אשה או ב"ח ואין לו ממה לפרוע. ר"ש: [ק] האב. בנפל עליו ועל אביו קאי ולענין עליו ועל מורישיו שייך למיתני יורשי מורישיו. ר"ש: (טו) וה"ל הר"ש בחזקת יורשי האב שהרי הם יורשים ודאי כו' וכמוחזקים דמי שהרי יעקב מוחזק בנכסיו הוה ואלו בלים אכחו: [ר] ועל אשתו. ואין לה בנים ממנו. ר"ש: [ש] יחלוקו. סמ"ג ס"ד דיבמות ומש"ס.

---

ניט זוכה זיין פאר זיך קל וחומר לגדול פאר אגרויסין מענטש קען מען געווים זוכה זיין, ווייל דער גרויסער אליין קען אויך זוכה זיין פאר זיך [עתי"ט]: ח נפל הבית עליו ועל אביו אשטוב איז איין געפאלען אויף אזוהן מיט זיין פאטער [אויף ראובן און זיין פאטער יעקב] און זייא זענען ביידע געהרגת געווארין או עליו ועל מורישיו אדער דיא שטוב איז איין געפאלען אויף ראובן מיט נאך אמענטשין [שמואל] וועלכער ראובן וואלט געדארפט ירשנן דעם שמואל אז שמואל וואלט פריער געשטארבען פאר איהם. נאר מען ווייס ניט ווער עס איז פריער געשטארבין, ראובן איז פריער גישטארבין אדער זיין פאטער יעקב איז פריער געשטארבען, אדער זיין פריינד שמואל איז פריער גישטארבין והיתה עליו כתובת אשה ובעל חוב און עס איז דא אאשה וואס זיא מאנט דיא כתובה בייא ראובן, אדער עס איז דא אמלוה וואס מאנט אחוב וואס ראובן איז איהם שולדיג געלט יורשי האב אומרים דיא יורשים פון דעם פאטער זאגין [דאס זענען יעקב'ס זיהן ראובן'ס ברידער, אדער אפילו ראובן'ס זיהן, זיי זאגין הבן מת ראשון דער זוהן [ראובן] איז פריער געשטארבין, האט ער גאר ניט געירשת פון זיין פאטער ואחר כך מת האב דער נאך איז דער פאטער [יעקב] געשטארבין, זאגין דיא ברידער פון ראובן מיר ירשנן דאס גאנצע פאר מעגין פון אונזער פאטער יעקב, און ראובן האט קיין חלק אין דיא ירושה, אדער דיא קינדער פון ראובן זאגין מיר קומען ירשנן אונזער זיידין, און דיא אשה אדער דער בעל חוב קענען ניט נעמען פון יעקב'ס פאר מעגין, ווארום ראובן האט אין זיי קיין חלק [און דיא יורשים פון שמואל זאגין ראובן איז פריער געשטארבין, דארפין מיר ירשנן אונזער פריינד שמואל, ניט ראובן, און דיא אשה אדער דער בעל חוב קענען גאר ניט

נעמען פון שמואל'ס פארמעגין בעלי החוב אומרים און דיא אשה אדער דער בעל חוב וואס זיי מאנען ביי ראובן זאגין האב מת ראשון דער פאטער [יעקב] איז פריער געשטארבין, האט ראובן אים גירשת ואחר כך מת הבן דער נאך איז געשטארבין דער זוהן ראובן, קענען מיר נעמען אונזער חוב פון יעקב'ס פארמעגין ווי פיל דער חלק פון ראובן איז. אדער זיי זאגין פריער איז געשטארבין שמואל האט ראובן אים גירשת, דער נאך איז ראובן גישטארבין, קענען מיר נעמען אונזער חוב פון שמואל'ס פאר מעגין, ווי פיל ראובן'ס חלק איז, בית שמאי זאגין יחלוקו די יורשים פון יעקב און דיא בעלי חובות, זאלין זיך צו טיילין מיט דעם חלק פון ראובן וואס ער דארף נעמען פון זיין פאטער יעקב אדער פון זיין פריינד שמואל, און בית הלל זאגין נכסים בחזקתן דאס פאר מעגין פון יעקב אדער פון שמואל בלייבט ביי די יורשים, און דיא בעלי חובות דארפין ברייננגען עדות אז יעקב אדער שמואל זענען געשטארבין פריער פאר ראובן וועלין זייא נעמען זייער חוב: ט נפל הבית עליו ועל אשתו אויב אשטוב איז איין געפאלין אויף אמאן מיט אווייב און זיי זענען ביידע געהרגת געווארין און מען ווייס ניט ווער איז פריער געשטארבין יורשי הבעל אומרים דיא וואס דארפין ירשנן דעם מאן האבין געזאגט האשה מתה ראשונה דאס ווייב איז פריער געשטארבין, האט דער מאן גירשת דם גאנצע פאר מעגין פון ווייב ואחר כך מת הבעל דער נאך איז גישטארבין דער מאן, דארפין מיר ירשנן דאס פארמעגין פון מאן און פון ווייב יורשי האשה אומרים און די יורשים פון דיא ווייב זאגין הבעל מת ראשון פריער איז דר מאן גישטארבין קומט דאס ווייב דיא כתובה ואחר כך מתה האשה דער נאך איז די ווייב גישטארבין, דארפין מיר ירשנן איר כתובה און די איבעריגע פאר מעגין

**נכסים בחזקתן כתובה בחזקת יורשי הבעל. נכסים הנכנסים והיוצאין עמה בחזקת יורשי [ת] האב: (י) נפל הבית עליו ועל אמו אלו ואלו מודים שיחלוקו. אמר ר"ע [א] מודה אני בזה שהנכסים בחזקתן א"ל בן עזאי על החלוקים אנו מצטערים**

הבעל (יז): נכסים הנכנסים והיוצאין עמה. הם נכסי מלוג שבשעה שהיא נכנסת נכנסים עמה וכשהיא יוצאה יוצאים עמה אם פחתו פחתו לה ואם הותירו הותירו לה אלו הם בחזקת יורשי האשה נמצא יורשי אשה נוטלים כל נכסי מלוג וחצי נכסי צאן ברזל: (י) נפל הבית עליו ועל אמו. ואין לה בן אחר אלא זה (יח) יורשי הבן (יט) אומרים האשה מתה תחלה וירש הבן נכסיה ואנו יורשים הבן ויורשי האשה ממשפחת בית אביה אומרים הבן מת תחלה ואנו יורשים את האשה: אלו ואלו מודים. ב"ש וב"ה דיחלוקו דכיון ששניהם באים מכח ירושה הוי ספק וספק ויחלוקו ולא דמי לנפל הבית עליו ועל אשתו דהתם יש שני מיני נכסים יש שהבעל מוחזק ויש שהאשה מוחזקת אבל הכא הכל בחזקת האשה כיון שהיתה אלמנה ושניהם באים מכח ירושה (כ) לירש הכל הילכך יחלוקו: מודה אני בזה. לדברי ב"ה ה"נ אמרינן נכסים בחזקתן בחזקת יורשים מן האב שהרי בחייה משמת בעלה אחר שבט אביה היא מתייחסת וממונה נמי בחייה היה בחזקת שבט אביה (כא) הילכך יורשיה מן האב יורשים אותה. והלכה כר"ע: על החלוקים אנו מצטערים. כלומר על מחלוקת דלעיל דב"ש וב"ה אנו מצטערים שלא השוו דעתן ואתה אומר שגם בזה חלוקין ובאת לחלוק על תנא קמא

שאומר

ועתוי"ט: (טז) דכיון שהנכסים בחזקתה יכולה היא לטורים שבועת הכתובה לבניה אף ע"ג דבעלמא אין אדם מורים שבועה לבניו. תוס'. והטור כתב דמיירי ביחד לה קרקע כו' דא"ל לישבע: (יז) דהא בחזקתן לאו לקמיה קאי אלא ה"ג וכתובה כו'. ר"ש: [ת] האב. יורשי האשה הול"ל אלא איידי דביבמות וכתובות תני האב (ע"ש מ"ש) תני ה"נ הכי: (יח) הר"ש דאלו הו"ל בן מאיש אחר אותו הבן הוא יורש ודאי במאי שנכנסים של אמו ויורשי הבן ספק ואין ספק מוציא מידי ודאי. אבל התוס' הקשו ע"ז דהא אינו ודאי במאי שהוא כו' ומסקי דאפי' הו"ל בן מאיש אחר אלא שאין לה עוד בן מאבי הבן הזה. ועתוי"ט: (יט) ר"ל שאינם יוצאי ירכו. ועיין תוי"ט: (כ) משא"כ ביורשי הבעל דירושת הבעל אינה מן התורה: [א] מודים. משום דנקט ת"ק לישנא דמודים אמר איהו נמי מודה. כלומר ואני מודה וחולק עליך דלדברי ב"ה כו'. ר"ש: (כא) הלשון מגומגם הוא וז"ל הר"ש שכל ימי חיי האשה לאחר שמת בעלה היה כל ממונה בחזקתה והרי היא משבט אביה ואפי' כתובתה ותוספתה שגבתה מבעלה משבאו לידה הרי הן בחזקת

---

וואס די ווייב האט געהאט, און די יורשים פון מאן דארפן נאר ירשנן דם פאר מעגין פון מאן נאכדעם ווי זיי וועלין בצאהלין איהר כתובה, בית שמאי זאגין יחלוקו די יורשים פון מאן און דיא יורשים פון ווייב צו טיילין זיך מיט דעם פאר מעגין פון דיא ווייב און מיט איר כתובה טיילין זיי אויך צווישען זיך, און בית הלל זאגין נכסים בחזקתן דם פאר מעגין פון אווייב איז דרייא ערליי, איינס איז, דם פארמעגין וואס די ווייב בריינגט אריין צו מאן און שאצט איהם איין אין געלד, און דער מאן נעמט אויף זיך ער זאל זייא איהר צוריק געבין, אז ער וועט איהר גטין, אדער ווען ער וועט שטארבין, דאס הייסט נכסי צאן ברזל דאס פאר מעגין איז שטארק אזוי וויא אייזערנע שעפסין, אויף דיא נכסי צאן ברזל זאגין בית. הלל דאס געהער צו ביידע ערלייא יורשים, העלפט געהער צו די יורשים פון מאן, און העלפט געהער צו דיא יורשים פון די ווייב, די אנדערע איז, די כתובה דאס זענען די צווייא הונדערט גילדין וואס קומט צו אבתולה און דעם תוספת כתובה וואס דער מאן האט איר פאר גרעסערט די כתובה מיט זיין גוטען ווילען, זאגין בית הלל כתובה בחזקת יורשי הבעל די יורשים פון מאן ירשנן די כתובה, די דריטע איז, דאס פאר מעגין וואס די ווייב האט און גיט זיי ניט דעם מאן, נאר זי האלט זיי פאר זיך, דער מאן געמט נאר דעם פאר דינסט פון דעם פאר מעגין, דאס הייסט נכסי מלוג, זאגין בית הלל נכסים הנכנסים והיוצאים עמה די נכסי מלוג ווען די אשה גייט אריין צום מאן בריינגט זי זיי מיט זיך, און ווען זי גייט ארוים פון מאן נעמט זי זיי מיט זיך בחזקת יורשי האב געהערין צו די יורשים פון ווייב ווייל זי האט דעם פאר מעגין פון איר פאטער [ועתי"ט]: י נפל הבית עליו ועל אמו אויב אשטוב איז איין גיפאלין אויף אזוהן מיט אמוטער, און די מוטער איז גיוועזן א אלמנה און האט קיין אנדער זוהן און זענען ביידע געהרגת גיווארין, די יורשים פון זוהן זאגין די מוטער איז פריער גישטארבין האט דער זוהן איר גירשת, דער נאך איז דער זוהן גשטארבין, וועלין מיר ירשנן דעם זוהן, און די יורשים פון די מוטער [איר פאטערס קרובים] זאגין דער זוהן איז פריער גישטארבין האט ער די מוטער קיין מאל גירשת, דער נאך איז די מוטער גישטארבין, וועלין מיר זי ירשנן אלו ואלו מודים שיחלוקו בית שמאי און בית הלל זענען מודה איינער צום אנדערין אז די ביידע ערלייא יורשים זאלין זיך טיילין מיט דיא מוטערס פאר מעגין אמר רבי עקיבא מודה אני בזה שהנכסים בחזקתן רבי עקיבא זאגט איך זאג אז דא קריגט אויך בית הלל און זאגט ניט מען זאל צו טיילין, נאר דאס פאר מעגין געהער צו דעם וואס האט ביז איצט צו אים גיקערט, דאס איז צו דיא מוטער, און די יורשים פון די מוטער [איר פאטערס פאמיליע] ירשנן אין גאנצין איר פאר מעגין אמר לו בן עזאי האט בן עזאי גיזאגט צו רבי עקיבא על החלוקין אנו מצטערין אויף די פריערדיגע דינים וואס בית שמאי קריגט מיט בית הלל האבין מיר צער פאר וואס זיי פאר גלייכין ניט זייערע דעות זיי זאלין ניט קריגען אלא שבאת לחלק עלינו את השוים נאר איצט אז מען האט שוין גיפונען צו זאגין אויף איין דין אז בית שמאי מיט בית הלל זאלין האלטען גלייך, קומסטו זאגין

שאומר שהם שוין :

אלא שבאת לחלוק עלינו את השוין :

שהם אחים שהיא מתיחסם אחר שבט אחיה :

אז זיא דעם דין קריגט אויך בית הלל מיט בית שמאי :

## גמרא ב"ב דף קמה ע"ב

הלכה ה' כלה כלי המיזון דנלה דמלכות דכריאה אכדשם

אמר ר' זירא מ"ד כל ימי עני רעים זה בעל התלמוד וטוב לב משתה תמיד זה בעל משנה. רבא אמר איפכא. והיינו דאמר רב משרשיא משמיה דרבי מ"ד מסיע אבנים יעצב בהם ובוקע עצים יסכן בם מסיע אבנים יעצב בהם אלו בעלי משנה ובוקע עצים יסכן בם אלו בעלי תלמוד. רבי חנינא אומר כל ימי עני רעים זה שיש לו אשה רעה. וטוב לב משתה תמיד זה שיש לו אשה טובה. ר' ינאי אמר כל ימי עני רעים זה איסטנים וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו יפה. ר' יוחנן אמר כל ימי עני רעים זה רחמן. וטוב לב משתה תמיד זה אכזרי. וריב"ל אמר כל ימי עני רעים זה שדעתו קצרה. וטוב לב משתה תמיד זה שדעתו רחבה. ואריב"ל

## רש"י

זה בעל גמרא. שממית עלמו לכוין הלכות ולתרץ הויות: רבא אמר איפכא. כל ימי עני רעים זה בעל משנה שאינו יכול להורות הלכה מתוך משנתו וגם כשחולקות זו על זו אינו יכול לתרץ. וטוב לב בעל הגמרא שיודע משניות על עיקרם ובקי בטעמיהם ויש בידו כח לעשות הוראה: יעצב. ל' בעלבון התלמוד: זה בעל משנה. ששונה משניות כל היום ואין לו אלא לער שמתקשה בטעמיהן. יסכון. לשון המימות כלומר שנהנה: שדעתו יפה. שסיבל הכל: קצרה. כמו עלרן וקפדן עינו רעה בשלו ובשל אחרים: זה רחמן. שרואה כמה עניים ולבו בוכה:

אמר רבי זירא רבי זירא האט גזאגט בן סירא זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכטע זה בעל התלמוד דאס מיינט מען דער וואס לערונט גמרא, ער האט שלעכטע טעג, ווייל עס איז דא פיל קשיות, און מען דארף גאנצע טעג זיך מאטערן אויף תירוצים צוא ענטפערין דיא קשיות, און מען זאל ניט האבין אטעות אין אדין וטוב לב משתה תמיד דעם מענטש וואס איהם איז גוט אויף דעם הארצין, איז ביא איהם אייביג אסעודה, ער איז אייביג פריילעך זה בעל משנה דאס איז דער וואס לערונט משניות, ער האט קיין קשיות, ער דארף קיין תירוצים רבא אמר איפכא רבא זאגט פארקערט, דער וואס לערונט משניות האט שלעכטע טעג, ווייל אז ער דארף וויסען אדין, פון דער משנה קען ער ניט וויסען, און אז די משנות קריגען איינע אויף די אנדערע וויים ער ניט צו ענטפערין, אבער דער וואס לערונט גמרא וויים אלץ, ער וויים אדין צו פסקנען, ער וויים צו ענטפערין משניות וואס קריגען איינע אויף די אנדערע והיינו דאמר רב משרשיה משמיה דרבי דאס איז וואס רב משרשיה האט גיזאגט פון רבי'ס וועגין מאי דכתיב וואס מיינט דער פסוק מסיע אבנים יעצב בהם דער וואס ציהט ארוים שטיינער טרויערט ער ביא זיא ובוקע עצים יסכן בם און דער וואס שפאלט [האקט] האלץ וועט ער זיך דער-ווארעמען ביא זיא [ער וועט הנאה האבין פון זיא] מסיע אבנים יעצב בהם דער וואס ציהט ארוים שטיינער טרויערט ער ביא זיי אלו בעלי משנה דאס מיינט מען דיא מענטשין וואס לערנען משניות, זייא זענען אייביג טרויעריג, ווייל זייא האבין ניט קיין פארגעניגען פון דעם לערנען ובוקע עצים יסכן בם און דער וואס שפאלט [האקט] האלץ וועט ער זיך דערוואַרעמען ביא זיא [ער וועט הנאה האבין פון זיא] אלו בעלי התלמוד דאס מיינט מען די מענטשין וואס לערנען גמרא, זייא האבין פאר-גענינגען פון זייער לערנען, רבי חנינא זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט זה שיש לו אשה רעה דאס מיינט מען דעם מענטש וואס האט אשלעכטע ווייב וטוב לב משתה תמיד דער מענטש וואס איהם איז גוט אויף דעם הארצין, איז ביא איהם אייביג אסעודה, ער איז אייביג פריילעך זה שיש לו אשה טובה דס מיינט מען דעם מענטש וואס האט אגוטע ווייב, רבי ינאי זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט זה איסטנים דאס מיינט מען דעם מענטש וואס איז איידיל [ניט יעדער זאך קען ער עסין, ניט יעדער זאך קען ער טרינקען, ניט יעדער צייט איז פאר איהם גוט] וטוב לב משתה תמיד דער מענטש וואס זיין הארץ איז גוט, איז ביא איהם אייביג אסעודה, און ער איז אייביג פריילעך זה שדעתו יפה דאס מיינט מען דעם מענטש וואס זיין מיינונג איז גוט צו יעדער זאך, ער עסט אלץ און טרינקט אלץ, רבי יוחנן זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט זה רחמן דאס מיינט מען דעם מענטש וואס האט צו פיל רחמנות, אלע טאג קומט איהם פאר אזעלכע זאכין וואס ער דארף אויף זייא רחמנות האבין וטוב לב משתה תמיד דער וואס האט אגוט הארץ איז ביא איהם אייביג פריילעך זה אכזרי דאס איז דער מענטש וואס האט אויף קיינעם רחמנות, רבי יהושע בן לוי זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט זה שדעתו קצרה דאס איז דער מענטש וואס זיין פארשטאנד איז ווייניג וטוב לב משתה תמיד דער וואס האט אגוט הארץ איז

והאיכא שבתות ויו"ט. שיש לו מנות ומזונות שהיו מחלקין לעניים מערב שבת לערב שבת: שנוי וסת. חוק כמו העני כל ימי החול אוכל פת הריבה ובשבת אוכל בשר:

כל ימי עני רעים. והאיכא שבתות וימים טובים. כדשמואל דאמר שמואל שנוי וסת תחלת חולי מעיים. כתוב בס' בן סירא כל ימי עני רעים וגו'. כדאיתא בכתובות פרק אחרון:

ער איביג פריילעך זה שדעתו רחבה דאס איז דער מענטש וואס זיין פארשטאנד איז גרויס, נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט בן סירא זאגט כל ימי עני רעים אלע טעג פון דעם ארעם מאן זענען שלעכט איז דאך אקשיא והא איכא שבתות וימים טובים עס איז דאך דא שבת און יום טוב, וואס דער ארעם מאן עסט בעסער און רוהט אפ, נאר כדשמואל, וויא שמואל האט געזאגט דאמר שמואל ווארום שמואל האט געזאגט שנוי וסת תחלת חולי מעים אז איינער ענדערט זיין געוואוהנהייט, אפילו צו בעסער, איז דאס אנהייב צו אנדערעם קראנקייט, דריבער איז שבת און יום טוב אויך שלעכט פאר דעם ארעם מאן ודאס איבעריגע וואס בן סירא האט געזאגט שטייט אין יום ג'):

## זוהר אחרי דף עב ע"א ס"ה דאלינות יוד הא ואו הא

במעשה ארץ מצרים וגו'. ר' חייא פתח (איוב לח) לאחוז בכנפות הארץ וגו'. תאנא זמין קב"ה לדכאה לארעיה מכל מסאבותא דעמין עכו"ם דסאיבו לה. כהאי מאן דאחיד בטליתיה ואנער טנופא מניה וכל אינון דאתקברו בארעא קדישא למשדי לון לבר. ולדכאה ארעא קדישא מסטרא אחרא (ס"א קדישא אחרא) כביכול דהוה מתזנא לבתר רברבי עמין ולקבלא מסאבותא דילהון ולדכרא לון. וזמין לדכאה לה ולאעברא לון לבר. ר"ש הוה מדכי טורי (ס"א שוקי) דטבריא וכל דהוה תמן מית הוה סליק ליה ומדכי ארעא. תאנא כתיב (ירמיה ב) ותבואו ותטמאו את ארצי וגו'. א"ר יהודה זכאה חולקיה מאן דזכי בחייו למשרי מדורא בארעא קדישא. דכל מאן דזכי לה זכי לאנגדא מטלא דשמיא דלעילא דנחית על ארעא. וכל מאן דזכי לאתקשרא בחייו בהאי ארעא קדישא. זכי לאתקשרא לבתר בארעה קדישא עלאה. וכל מאן דלא זכי בחייו ומייתין ליה לאתקברא תמן. עליה כתיב (שם) ונחלתי שמתם לתועבה. רוחיה נפיק ברשותא נוכראה אחרא וגופיה אתי תחות רשותא דארעא קדישא. כביכול עביד קדש חול וחול קדש. וכל מאן דזכי למיפק נשמתיה בארעא קדישא אתכפרו חובוי וזכי לאתקשרא תחות גדפוי דשכינתא דכתיב (דברים לב) וכפר אדמתו עמו. ולא עוד אלא אי זכי בחייו זכי לאתמשכא עליה רוחא קדישא תדיר. וכל מאן דיתיב ברשותא אחרא אתמשך עליה רוחא אחרא נוכראה. תאנא כד סליק רב המנונא סבא להתם הוו עמיה תריסר בני מתיבתא דיליה. אמר לון אי אנא אזיל לארחא דא לאו על דידי קא עבידנא אלא לאתבא פקדונא למאריה. תנינן כל אינון דלא זכו להאי בחייו. אתיבין פקדונא דמאריהון לאחרא. א"ר יצחק בגיני כך כל מאן דאעבר מאינון זינין בישין או רשותא אחרא בארעא. ארעא אסתאבת. ווי ליה להאי גבר ווי לנפשיה דהא ארעא קדישא לא מקבלא ליה לבתר. עליה כתי' (תהלים קד) יתמו חטאים מן הארץ בעוה"ז ובעוה"ב ורשעים עוד אינם בתחיית המתים כדין ברכי נפשי את יי' הללויה:

## מוסר יוסף לחק הלכה פסוקה

**משערי תשובה לר' יונה דף ו' ע"א**

התאוה הנתונה בלב האדם שרש כל הפעולות לכן אם יתקן התאוות בנתה אשר כל האיברים ישרתום ימשכם אחרי

**הר"מ הלכות איסורי ביאה פרק כב**

(א) מי שאין לו אשה לא ילמד תינוקות, מפני שאמות הבנים באים לבית הספר לבניהם ונמצא מתגרה בנשים, וכן אשה לא תלמד קטנים מפני אבותיהם שהם באין בגלל בניהם ונמצא מתייחדים עמה. ואין המלמד צריך שתהיה אשתו שרויה עמו בבית הספר אלא היא בביתה והוא מלמד במקומו: (ב) תקנו חכמים שתהיינה הנשים מספרות זו עם זו בבית הכסא כדי שלא יכנס שם איש משום יחוד:

התאוה הנתונה בלב האדם שרש כל הפעולות די תאוה וואס איז געגעבן געווארן אין הארץ פון דעם מענטש, זי איז דער ווארצל פון אלע זאכין וואס דער מענטש טוט לכן אם יתקן התאוות בנתה אשר כל האברים ישרתוהו ימשכם אחרי השכל וילוו עליו וישרתוהו יכשרו כל הפעלים דריבער אויב ער וועט איינהאלטין די תאוות פאמעלאך, די אלע גלידער וואס בעדינען די תאוות

(א) מי שאין לו אשה לא ילמד התינוקות דער וואס האט קיין ווייב זאל ער ניט לערנען מיט קליינע קינדער מפני שאמות הבנים באות לבית הספר לבניהם ווייל די מוטערס פון די קינדער קומען אין חדר צו זייערע קינדער ונמצא מתגרה בנשים וועט ער צורייצין זיין תאוה אויף דיא ווייבער וכן אשה לא תלמד קטנים אאשה זאל ניט לערנען מיט קליינע קינדער מפני אבותיהם שהם באין בגלל בניהם ווייל די פאטערס וועלען קומען צו זייערע קינדער ונמצאו מתיחדים עמה וועלען זייא זיין אליין מיט איהר אין איין שטוב ואין המלמד צריך שתהיה אשתו שרויה עמו בבית הספר מען דארף ניט אז דאס ווייב פון מלמד זאל זיין מיט איהם צו זאמען אין חדר אלא היא בביתה והוא מלמד במקומו נאר זיא איז בייא זיך אין שטוב און ער לערנט אויף זיין ארט [אין איין אנדער שטוב]: (ב) תקנו חכמים שתהיינה הנשים מספרות זו עם זו בבית הכסא דיא חכמים האבין געזאגט אז ווייבער זענען אין בית הכסא זאלין זייא שמועסין איינע מיט די אנדערע וועט מען הערין זייער שטימע אז ווייבער זיצען אינעווייניג] כדי שלא יכנס שם איש וועט ניט אריין גיין אמאנספערזאן אין דעם בית הכסא משום יחוד ער זאל ניט זיין אליין מיט אאשה:

השכל ויצוי עליו ויתרחקו יעברו כל הפתלים שנא' זך וישר פעלו ונאמר תאוה נהיה תערב לנפש נהיה כמו נשברת מג' נהיית ונחליתי אמר כי כאשר ישבר אדם תאותו גם בדברים המותרים בזה תצליח הנפש והמדה הזאת תערב לה כי ירים השכל ידו וגבר ותועבת כסילים סור מרע שכסילים אשר אינימו שוברים תאותם ורודפים תמיד אחר תענוגות בני האדם וכי תפגע תאותם בדרך חטא וכל דבר רע לא יסורו ממנו נקראו כסילים על רדיפת התענוגים כמו שנא' וכסיל אדם יבלענו ונא' הוי משכימי בבקר שכר ירדופו וגו' ונא' והיה כנור ונבל וגו' ונאמר ובטן רשעי' תחסר ונא' וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם ואחז"ל אלו בני אדם שכל ימיהם כחגים ונא' לתאוה יבקש נפרד בכל תושיה יתגלע פי' מי שמבקש ללכת אחר תאותו ורצונו נפרד מכל חבר ועמית כי ירחקו ממנו אוהב ורע כי תאות בני אדם ומדותם חלוקות אין רצונו של זה כרצונו של זה. אכן אם ילך בדרך השכל אז יתחברו לו החברים ויהיו אוהביו רבים. ואמרו במוסר מי שהוא רוצה את מדותיו רבו הקופצים עליו. ויש לפרש על הענין הזה בעצמו לתאוה יבקש נפרד איש נפרד מכל אח וחבר לתאוה הוא מבקש. ובעבור שמבקש ללכת אחרי רצונו למען זאת מרעהו רחקו ממנו כענין ודל מרעהו יפרד. בכל תושיה יתגלע ההולך אחר תאותו לא בדבר אחד ימעט בלבד אך בכל זאת שבתורה

[וואס דורך זיי ווערין די תאות גיטאן] וועט ער זיי ציהען צום שכל, אונ די אלע גלידער וועלין זיך באהעפטין צום שכל אונ וועלין אים בעדינען, וועלין גוט ווערין אלע זאכין וואס ער וועט טאן שנאמר ווי עס שטייט אין פסוק זך ישר פעלו דער מענטש וואס איז קלאר אונ ריין פון תאות זיינע מעשים וועלין זיין גוט אונ ריכטיג ונאמר נאך זאגט דער פסוק תאוה נהיה תערב לנפש נהיה כמו נשברת נהיה איז טייטש צובראכין מלשון נהייתי ונחליתי ווי עס שטייט אין פסוק „נהייתי ונחליתי" איך בין צובראכן אונ קראנק גיווארין אמר האט שלמה המלך גיזאגט „תאוה נהיה תערב לנפש" אז די תאוה ווערט צובראכין איז זיס פאר די נשמה כי כאשר ישבר אדם תאותו גם בדברים המותרים אז דער מענטש וועט צו ברעכין זיין תאוה אפילו אויף אזעלכע זאכין וואס מען מעג בזה תצליח הנפש מיט דעם וועט בעגליקט ווערין דיא נשמה והמדה הזאת תערב לה אונ די מדה וועט זיין זיס פאר די נשמה כי ירים השכל ידו וגבר ווייל דער שכל וועט אויפהייבין זיין כח אונ וועט זיך שטארקין אויף דעם גוף ותועבת כסילים סור מרע בייא דיא נארין איז אאומווירדיגע זאך מען זאל אוועק גיין פון שלעכטס טאן הכסילים אשר אינימו שוברים תאותם די נארין וואס צוברעכין ניט זייערע תאות ורודפים תמיד תענוגות בני האדם אונ שטענדיג זוכין זיי מענטשליכע פערגע־ניגעים כי תפגע תאותם בדרך חטא וכל דבר רע אז זייא טרעפין א תאוה דורך א עבירה אונ דורך א שלעכטע זאך לא יסורו ממנו וועלין זייא זיך ניט אפטאן פון די תאוה ונקראו כסילים על רדיפת התענוגים ווייל זיי לויפין נאר צו פערגעניגענס דריבער רופט מען זיי נארין כמו שנאמר ווי עס שטייט אין פסוק (משלי כא) וכסיל אדם יבלענו די נארעשקייט פון דעם מענטש טוט אים פארדארבין די תאות וואס דער מענטש טוט, זיי פארדארבין דעם מענטש ונאמר נאך זאגט דער פסוק [ישעיה ה'] הוי משכימי בבוקר שכר ירדופו ווייא צוא דיא מענטשין וואס שטייען אויף גאנץ פריה צום טרינקען שטארקין וויין והיה כנור ונבל זיי פאר בריינ־גען זייער צייט מיט מוזיק שפילען אונ וויין טרינ־קען, אבער וואס גאט האט גיטאן אויף דער וועלט זיינע וואונדער, דאס ווילען זיי גאר ניט זעהן ונאמר נאך שטייט אין פסוק [משלי יג] ובטן רשעים תחסר דעם בויך פון די רשעים טוט פעלין, דעם בויך פון דעם רשע פעלט אייביג ונאמר נאך זאגט דער פסוק [מלאכי ב'] וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם איך וועל פאר שפרייטין די מיסט פון אייער עסין אויף אייער פנים, די מיסט פון אייערע ימים טובים ואמרו רבותינו זכרונם לברכה אונ די רבנן האבין גיזאגט אלו בני אדם שכל ימיהם כחגים דאס מיינט מען די מענטשין וואס ביי זיי איז אלע טאג אזוי ווי יום טוב ונאמר נאך זאגט דער פסוק לתאוה יבקש נפרד דער וואס זוכט תאות איז ער אפ געשיידט פירוש דער פשט איז מי שמבקש ללכת אחר תאותו ורצונו דער וואס וויל גיין נאך זיין גלוסטונג אונ נאך זיין ווילען נפרד מכל חבר ועמית ווערט ער אפ געשיידט פון אלע חברים אונ פון אלע גוטע פריינד כי ירחקו ממנו אוהב ורע ווארום עס וועלין זיך דער ווייטערין פון אים די וואס האבין אים ליב גיהאט אונ זיינע פריינד כי תאות בני אדם ומדותם חלוקות ווארום די תאות פון די מענטשין אונ די נאטורין זענען אפגעטיילט אין רצונו של זה כרצונו של זה דער ווילען פון דעם מענטש איז ניט גלייך צו דעם ווילען פון איין אנדער מענטש (דער מענטש גלוסט צו דיא זאך דער אנדערער גלוסט צו איין אנדער זאך), דריבער קען ער זיך ניט פארגלייכין מיט זיינע חברים אכן אם ילך בדרך השכל אבער אז ער וועט גיין מיט דעם שכל, ער וועט טאן וואס דער שכל לערינט אים אז יתחברו אליו החברים ויהיו אוהביו רבים דאמאלס וועלין זיך באהעפטין צו אים די חברים, אונ די וואס וועלין אים ליב האבין וועלין זיין פיל מענטשין ואמרו במוסר דער מוסר זאגט מי שהוא רוצה את מדותיו רבו הקופצים עליו דער מענטש וואס וויל זיינע מדות זאלין גוט זיין זענען דא פיל מענטשין וואס ווילען זיך באהעפטין מיט אים ויש לפרש על הענין הזה בעצמו לתאוה יבקש נפרד אונ אזויא קענען מיר טייטשין דעם פסוק לתאוה יבקש נפרד, דער מענטש וואס זוכט תאות איז ער אפגעשיידט פון פיל מענטשין איש נפרד מכל אח וחבר לתאוה הוא מבקש דער מענטש וואס איז אפגעשיידט פון ברידער אונ פון חברים, איז נאר ווייל ער זוכט תאות ובעבור שמבקש ללכת אחרי רצונו אונ ווייל ער וויל גיין נאך זיין ווילען למען זאת מרעהו רחקו ממנו דריבער דערווייטערין זיך פון אים זיינע גוטע פריינד כענין ודל מרעהו יפרד אזוי ווי עס שטייט אין פסוק [משלי יט] דער ארעם מאן איז אפ געשיידט פון זיין פריינד, נאר דער פאר ווייל ער איז ארעם

יתגלע כי יעבור על כלנה מל' וכל אז ל יתגלע. ועוד תמצא לו תועלת בשברו התאוה הגשמית כי אם תשאלנו תאותו דבר בליעל ועבירה ידבר אל לבו הן בהתר לא אמלא תאותי ואיך אשלח ידי באיסור. ועוד תמצא בשבירת התאוה תועלת רבה ועצומה כי יגלה רצון לבו וטוב חפצו לתשובה כי הוא מואס הטבע אשר גרם לו החטא וכזה יתרצה אל השי"ת וימצא חן בעיניו :

דריבער איז ער אפגעשיידט פון זיינע פריינד, דער פסוק מיינט אויך אזוי, ווייל ער זוכט תאות דריבער איז ער אפגעשיידט פון זיינע פריינד בכל תושיה יתגלע אין דער גאנצע תורה וועט ער זיך פארשפרייטן תהולך אחר תאותו לא בדבר אחד בלבד יחטא דער מענטש וואס גייט נאך זיינע תאות וועט ער ניט זינדיגען נאר אין איין זאך אליין אך בכל זאת שבתורה יתגלע נאר אין אלע מצות פון דיא תורה וועט ער זיך פארשפרייטן כי יעבור על כלנת ער וועט עובר זיין אויף אלע מצות מלשון וכל אויל יתגלע וויא עס שטייט אין פסוק (שם כ) אין אלץ פארשפרייט זיך דער נאר, איז יתגלע דער טייטש פארשפרייטן ועוד תמצא לו תועלת בשוברו התאות הגשמית נאך אהילף וועט איהם געפונען ווערין אז ער וועט צוברעכין די תאות פון דעם גוף כי אם תשאלנו תאותו דבר בליעל ועבירה אז זיין תאוה וועט פארלאנגען פון איהם ער זאל טאהן אעבירה ידבר אל לבו וועט ער ענטפערין זיין הארץ הן בהיתר לא אמלא תאותי מאדאך איך טוה ניט מיינע תאות אין די זאכין וואס איך מעג ואיך אשלח ידי באיסור וויא אזוי וועל איך טאהן אזעלכע תאות וואס איך טאר ניט ועוד תמצא בשבירת התאוה תועלת רבה ועצומה נאך וועסטו געפינען אגרויסע הילף אונ אשטארקע אז דוא וועסט צו ברעכין די תאות כי יגלה רצון לבו וטוב חפצו לתשובה אז ער וועט ניט גלוסטין פערגעניגען צו האבין וועט ענטדעקט ווערען דער ריינער ווילען פון זיין הארץ אונ זיין גיטע בעגערונג צו טאהן תשובה כי הוא מואס הטבע אשר גרם לו החטא ווייל ער וועט פארמיאוסין די נאטור וואס האט איהם געבריינגט צום זינדיגען ובזה יתרצה אל ה' יתברך מיט דעם וועט ער בעוויליגט ווערען צו גאט וימצא חן בעיניו אונ ער וועט געפינען חן אין זיינע אויגין :

(ה) ושמרתם את חקתי וגו' האדם וחי בהם וגו'. די גמרא לערנט פון דעם פסוק אז אלע מצות פון די תורה ווערין בטל אויב עס איז סכנת נפשות, דער מענטש זאל נאר טאהן די חקים אונ משפטים אויב ער וועט לעבין דורך זייא, אבער אויב ער קען שטארבין דורך זיי, זאל ער נים טאהן די חקים אונ משפטים, זעגען די חקים אונ משפטים אונטערטעניג אונטער דעם מענטש, פאר וואס זאל דאס אזוי זיין, נאר מען קען זאגין ווייל יעדער יוד האט איין אות אין די תורה, די נשמה פון יעדער יוד איז אפאר מיט זיין אות פון די תורה, אזוי ווי אמאן מיט אווייב, אזוי ווי דער מאן גיט צו זיין ווייב אלע זאכין וואס זיא דארף, אזוי גיט די תורה צו דעם מענטש אויך אלץ וואס ער דארף. אונ אז דער מאן זאל דארפין עסין אדער אקלייד אונ דאס ווייב זאל דארפין עסין אדער אקלייד. אונ אז עס איז נאר דא פאר איינעם, ווערט אוועק געשטויסין דער מאן פאר זיין ווייב. דארף מען איר געבין נים אים, אזוי איז ביי דעם מענטש מיט די תורה, אויב מען קען נאר טאהן איינס, אויב מען וועט מקיים זיין די תורה וועט שטארבין דער מענטש. אונ אויב מען וויל דער מענטש זאל לעבין מוז מען מבטל זיין די תורה, ווערט אוועק געשטויסין די תורה פאר דעם מענטש:

(ו) איש איש אל כל שאר בשרו וגו'. דער קדושת לוי זאגט

## פירוש לתורת אלהים

מען זאל דאס טאהן אונ דער יצר הרע פרעגט פאר וואס האלטין מיר אזעלכע מצות וואס איז אהן אטעם דהיינו וואס מען טאר נים עסין חזיר אדער וואס מען טאר נים גיין אין שעטנז אונ נאך אזעלכע זאכין דרום שטייט ווייטער אין פסוק אני יי איך גאט האב דאס גוזר געווען טארסטו דיך דער פון נים פאטערן נאר ללכת בהם דו זאלסט גיין אין זיי אני יי אלהיכם איך בין אייער גאט איך בין בגלייבט צו צאלין שכר: (ה) ושמרתם את חוקתי אונ איר זאלט היטן מיין גזעץ ואת משפטי אונ מיינע גרעכט אשר דער מענטש וועט זיי טאהן וחי בהם וועט ער לעבען דורך זיי לעולם הבא אני יי איך בין גאט איך בין באגלייבט צוא בצאלען שכר: (ו) איש איש איטליכער מענטש אל כל צו זיין לייב פריינט לא תקרבו זאלט איר נים גינעהען לגלות צו אנפלעקין ערוה איר שאנד כלומר איר זאלט נים מזנה זיין מיט זיי אני יי איך בין גאט איך בין

## מצות

(ו) [קסח] (לאו לז) שלא נהעדן ונתקרב לאחת מן העריות כמוס תין קירוב כחבוק ונשוק וכדומה לעידוכים אלו שנאמר איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו לגלות ערוה אני ה':

איש איש אל כל שאר בשרו וגו'. דאס איז אמצות לא תעשה) איוד טאר זיך נים דערנעהנטערין צו אזוי אאשה וואס ער טאר נים חתונה האבען מיט איר, ער טאר זיא נים ארום

## השם

נעמען מיט די הענד, ער טאר זיא נים קושען, ער טאר נים לאכען צו איר, ער טאר נים קוקען אויף איר שיינקיים, אונ ער טאר נים זיין אין אשטוב מיט איר אליין זאונ אפילו אזוי אאשה וואס זיא האט קיין מאן אונ ער מעג זיא נעמען פאר אווייב, פון דעסטוועגין טאר ער נים זיין מיט איר אליין אין אשטוב)

ס ז ערות אביך וערות אמך לא תגלה אמך הוא לא תגלה ערותה: ס ח ערות אשת־אביך לא תגלה ערות אביך הוא: ס ט ערות אחותך בת־אביך או בת־אמך מולדת בית או מולדת חוץ לא תגלה ערותן:

ז ערית אבוך וערית אמך לא תגלי אמך היא לא תגלי עריתה: ח ערית אתת אבוך לא תגלי עריתא דאבוך היא: ט ערית אחתך בת אבוך או בת אמך דילידא מן אבוך מן אתתא אוחרי או מן אמך מן גבר אוחרן לא

ת"א ערות אביך. סנהדרין נד: וערות אמך. שם נג נד: אמך היא. שם עא עה: ערותה. שם נג: ערות אשת. שם כד: ערות אחותך. יבמות כב כג:

## רשב"ם

עמה: (ט) מולדת בית או מולדת חוץ. פנויה. כך נראה

## בעל הטורים

ס'. ערות אביך וערות אמך. כי שלשה שותפין יש באדם:

## רש"י

ה'. נאמן ג לשלם שכר: (ז) ערות אביך. זו אשת אביך או אינו אלא כמשמעו נא' כאן ערות אביך ונאמר להלן (ויקרא כ) ערות אביו גלה מה להלן אשת אביו אף כאן אשת אביו: וערות אמך. להביא אמו שאינה א אשת אביו: (ח) ערות אשת אביך. לרבות לאחר מיתה: (ט) בת אביך. אף בת אנוסה פ במשמע: מולדת בית או מולדת חוץ. בין שאומרים לו לאביך קיים את אמה ובין שאומרים

## שפתי חכמים

קרקע עולם לכן אצטריך לרבוי שמיבת: ג אע"פ דאין כאן שביה מלוה אלא הרחקת עבירה ואין שייך לו' לשלם שכר אלא במעשה י"ל כל מי שבא עבירה לידו וניצל הימנה נותנים לו שכר כאלו עשה מצוה: ס ר"ל משכב זכר. וכתב הרא"ם יש לתמוה על ר"י ורש"י ז"ל שהביאו דבריו למה לא הביאו הג"ש של אביך אביך מקרא דערות אשת אביך לא תגלה ערות אביך היא שהיא בגופו ומיירי באזהרה כמותו והביא הג"ש מקרא דפרשת קדושים דמיירי בעונש והניח הדבר בתימה (כח"י) ואני אומר דהיא הנותנת מערות אשת אביך הנכתב בגופו היה קשה כדמקשה התם אימלי אלא באזהרה וכו' עי"ש מנין דהאי זה הפסוק בסמוך מיירי ג"כ באזהרה וע"כ מוכרח נלמד מאשת אביו גלה ע"ש: ע ר"ל כגון שנולד מאנוסת אביו או ממפותת אביו: פ וקרא דערות

## פירוש להורת אלהים

באגלייבט צוא בצאלין שכר: (ז) ערות אביך דיא שאנד פון דיין פאטער דאס מיינט מען דעם פאטערס ווייב אפילו זיא איז ניט זיין מוטער וערות אמך אונ דיא שאנד פון דיין מוטער אפילו זיא איז ניט דיין פאטערס ווייב דהיינו דער פאטער הט איר גט גינעבען לא תגלה זאלסטו ניט אנפלעקען אמך היא זיא איז דיין מוטער לא תגלה ערותה טארסטו ניט אנפלעקען איר שאנד: (ח) ערות אשת אביך דיא שאנד פון דיין פאטערס ווייב אפילו דיין פאטער איז גישטארבען לא תגלה טארסטו ניט אנפלעקען ווארום ערות אביך הוא עס איז אשאנד פון דיין פאטער: (ט) ערות אחותך דיא שאנד פון דיין שוועסטער בת אביך וואס זיא איז דיא טאכטער פון דיין פאטער כלומר זיא איז מיט דיר אשוועסטער פון איין פאטער אונ ניט

## ליקוטים על התורה

עס שטייט אין פסוק בכל דרכיך דעהו, אין דיינע אלע וועגין זאלסטו וויסען גאט, אלע זאכין וואס דער מענטש טוהט זאל ער נאר טראכטין, אז ער טוהט די זאך וויל גאט האט גיבאטין, ווען ער עסט אונ טרינקט, זאל ער טראכטין ער עסט אונ טרינקט ער זאל האבין כח צו דינען גאט, ווען ער שלאפט זאל ער טראכטין ער זאל זיך אפרוהען וועט ער האבין כח צו דינען גאט, אונ אזוי זאל זיין ביי אלע זאכין, זאגט די תורה דער מענטש וואס נעמט אווייב זאל ער ניט גינעגען צו זיין ווייב וועגין תאוה. איש איש אל כל שאר בשרו, יעדער מענטש וואס וועט זיך בהעפטין מיט זיין ווייב (לא תקרבו לגלות ערוה), זאלט איר ניט גינעגען וועגין לגלות ערוה, וועגין דעם תענוג וואס מען האט פון די אשה, נאר איר זאלט גינעגען צו אייערע ווייבער וויל אני ה', וויל איך גאט האב גיבאטין מען זאל דאס טאהן, נאך זאגט די תורה איש איש אל כל שאר בשרו לא תקרבו, יעדער מענטש זאל ניט גינעגען צו אזוי אאשה וואס זיא איז אסור צו אים, דאס מיינט מען ער זאל ניט זיין אליין מיט איר אין אשטוב, ער זאל ניט פיל ריידין אונ ניט לאכין מיט איר. וויל דאס וועט

## מצות השם

(ז) [קסט] (לאו לח) שלא לגלות ערות האב שנאמר ערות אביך לא תגלה:

(שם) [קנ] (לאו לט) שלא לגלות ערות האם שנא' וערות אמך לא תגלה אמך היא לא תגלה ערותה:

(ח) [קנא] (לאו ק) שלא לגלות ערות אשת האב לעולם שנאמר ערות אשת אביך לא תגלה:

(ט) [קנב] (לאו קא) שלא לגלות ערות אחותו מאביו או מאמו אף שהיא מאנוסת אביו או שהיא אחותו מאמו מן הזנות בכל ענין שהיה נאסרה עליו שנאמר ערות אחותך בת אביך או בת אמך מולדת בית או מולדת חוץ לא תגלה ערותן:

ערות אביך לא תגלה. דאס איז אמצות לא תעשה מען טאר ניט מזנה זיין מיט דעם פאטערס ווייב. אפילו זיא איז ניט זיין מוטער:

ערות אמך לא תגלה ודאס איז אמצות לא תעשה מען טאר ניט מזנה זיין מיט אמוטער אפילו זיא איז ניט זיין פאטערס ווייב, דהיינו דער פאטער איז געשטארבען אדער ער האט איר גיגט:

ערות אחותך וגו'. ודאס זענען צוויי מצות לא תעשה מען טאר ניט חתונה האבען אונ ניט מזנה זיין מיט אשוועסטער, סיי זיא איז זיינע אשוועסטער פון פאטער אונ מוטער, אונ סיי זיא איז נאר אשוועסטער פון איין פאטער אונ ניט פון איין מוטער, אונ סיי זיא איז אשוועסטער פון איין מוטער אונ ניט פון איין פאטער:

## אונקלוס

תגלי עריתהן: י ערית בת ברך או בת ברתך לא תגלי עריתהן ארי עריתך אינון: יא ערית בת אתת אבוך דילידא מן אבוך אחתך היא לא תגלי עריתה: יב ערית אחת אבוך

## תורה

י ערות בת־בנך או בת־בתך לא תגלה ערותן כי ערותך הנה: ס

יא ערות בת־אשת אביך מולדת אביך אחותך הוא לא תגלה ערותה: ס

יב ערות אחות־אביך

ת"א ערות בת-בנך. שם כב כג לג: ערות בת אשת אביך. יבמות כב: ערות אחות אביך. שם נד:

### רש"י

לו הולא את אמה כגון ממזרת או נתינה: (י) ערות בת בנך וגו'. בבתו מאנוסתו הכ' מדבר צ' ובתו ובת בתו מאשתו ק אנו למדין מערות אשה ובתה שנא' בהן לא תגלה בין שהיא ממנו בין שהיא מאיש אחר: ערות בת בנך. ק"ו לבתך ר אלא לפי שאין מזהירין מן הדין למדוה מגז"ש במס' יבמות: (יא) ערות בת אשת אביך. לימד שאינו חייב על אחותו משפחה ונכרית לכך נאמר בת אשת

אנו למדין וכו': ר פי' ק"ו לבתך מן האנוסה דאלו מן הנשואין מערות אשה ובתה ילפינן: ש כתיב הכא בערות בת בנך הנה

### שפתי חכמים

בת אשת אביו ללמד מי שיש לו אישות לאביך בה פרט לאחותו שילדה לאביו מן השפחה משום דלא תפסי בה קידושין: צ דל"ת בלא תאמר מדכתיב בת בנך ובת בתך הא בת בנה ובת בתה שהיא אסור מיהו והא כתיב ערות אשה ובתה לא תגלה את בת בנה ובת בתה. כ"ש שעירי באנוסה דנאי אבתו ולפיכך אינו באזהרת לא תגלה אלא בבת בתו הבאה מזרעו אבל בתו כל אנוסתו שבאה מזרע אחרים אינו באזהרת לא תגלה וה"ה בת אשתו דלאו בתו: ק פי' וא"ת אבל בזה המקרא כל ערות בת בנך וגו' באנוסים קמיירי א"כ בתו ובת בנו מנשואתו מנין דליכא למימר דאתיא בק"ו מאנוסתו דהא אין מזהירין ואין עונשין מן הדין והשיב כתו

### ליקוטים על התורה

ברייתא לגלות ערוה ער זאל מיט איר מזנה זיין, ותוספות זאגט אין די מסכת מגלה דריבער לייענט מען יום כפור צו מנחה די פרשה פון עריות, מיר דערמאנען פאר גאט אזוי ווי דו האסט אונז געבאטען מיר זאלין ניט אויפדעקן וואס אשאנד איז, אזו מיר האבין דיך געפאלגט, אזוי זאלסטו ניט אויפדעקן אונזער שאנד פון עבירות. נאך אטעם איז ווייל די ווייבער גייען יום כפור געצירט ועגין די הייליגקייט פון טאג און פארין נאכט ווייל מען איז מיד פון תענית גייען ארויס ווייבער און מאנסלייט פון שוהל אפצורוהען דריבער לייענט מען די פרשה פון עריות דערמאנען דעם איסור פון צו גיינען צו אשה, מען זאל ניט קומען חס ושלום צו אעבירה פון מזנה זיין און אפילו ניט צו טראכטין זעגין זנות מען זאל ניט קומען חס ושלום צו זרע לבטלה, אין דעם הייליגען טאג:

### פירוש לתורת אלהים

פון איין מוטער או אדער בת אמך ויא איז איין טאכטער פון דיין מוטער מולדת בית סיא דיא טאכטער איז געבארען געווארען צו דיין פאטער פון אזעלכע וום ער מעג זיא האלטין ביי זיך אין שטוב פאר א ווייב או מולדת חוץ אדער די טאכטער איז געבארין געווארין צו דיין פאטער פון אזעלכע וום ער טאר זי ניט האלטען פאר א ווייב דהיינו ער הט זי געהאט פון אמומרת לא תגלה ערותן: (י) ערות בת בנך די שאנד פון דיין זונס טאכטער או בת בתך אדער פון דיין טאכטערס טאכטער זאלסטו ניט אנפלעקן ווארום עס איז דיין שאנד: (יא) ערות די שאנד פון דיא טאכטער פון דיין פאטערס ווייב מולדת אביך וואס זיא האט געבארין פון דיין פאטער זאלסטו ניט אנפלעקען איהר שאנד: (יב) ערות די אחותך הוא איז זיא דיין שוועסטער לא תגלה ערותה שאנד פון דיין פאטערס שוועסטער זאלסטו ניט

### מצות השם

(י) [קלג] (לאו קב) שלא לגלות ערות בת הבן שנא' ערות בת בנך לא תגלה:

(שם) [קלד] (לאו קג) שלא לגלות ערות בת הבת שנא' או בת בתך לא תגלה ערותן כי ערותך הנה:

(שם) [קלה] (לאו קד) שלא לגלות ערות הבת ק"ו מערות בת בנך ולפי שאין עונשין מן הדין לא למדה הכתוב אלא מג"ש כמבואר במס' יבמות (דף ג) (והרי היא מגופי תורה):

(יא) [קלו] (לאו קה) שלא לגלות ערות בת אשת אביו דהיינו אחותו מנשואת אביו שנאמר ערות בת אשת אביך מולדת אביך אחותך היא לא תגלה ערותה:

(יב) [קלז] (לאו קו) שלא לגלות ערות אחות האב מ"מ שנאמר ערות אחות אביך לא תגלה שאר אביך היא:

ערות בת בנך וגו'. דאס זענען צווייא מצות לא תעשה) מען טאר ניט חתונה האבען און ניט מזנה זיין מיט אאייניקל, סיי זיא איז אטאכטער פון זיין זוהן און סיי זיא איז אטאכטער פון אטאכטער ואפילו ער האט מזנה געווען מיט אאשה און זיא האט געבארען פון אים אטאכטער. טאר ער ניט חתונה האבען און ניט מזנה זיין מיט די טאכטערס אטאכטער, דאס איז זיין אייניקל:

(עס איז אמצות לא תעשה) מען טאר ניט חתונה האבען און ניט מזנה זיין מיט אאייגענע טאכטער, אפילו זיא איז געבארען געווארען פון אזוי אאשה וואס איר פאטער האט מיט איר מזנה געווען:

ערות בת אשת אביך לא תגלה. ודאס איז אמצות לא תעשה, אז איינער האט חתונה געהאט מיט אווייב און ער האט מיט איר אזוהן מיט אטאכטער, אדער ער האט אטאכטער פון איין ווייב און איין זוהן פון אייננאנדער ווייב, אדער די מוטער האט אזוהן פון איין מאן און אטאכטער פון איין אנדער מאן, טאר ניט דער זוהן נעמען די שוועסטער פאר א ווייב, אבער אז דער מאן האט אזוהן פון איין אנדער ווייב, און דאס ווייב האט אטאכטער פון איין אנדער מאן, מעגען די קינדער חתונה האבען איינער מיט דעם אנדערין:

ערות אחות אביך לא תגלה ערות אחות אמך לא תגלה. ודאס זענען צווייא מצות לא תעשה). מען טאר ניט נעמען אמומע פאר א ווייב, סיי זיא איז זיין פאטערס שוועסטער און סיי זיא איז זיין מוטערס שוועסטער:

לֹא תְגַלֵּה שְׁאֵר אָבִיךָ הִוא: ס
יג עֶרְוַת אֲחוֹת־אִמְּךָ לֹא תְגַלֵּה כִּי־
שְׁאֵר אִמְּךָ הִוא: ס יד עֶרְוַת אֲחִי־
אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה אֶל־אִשְׁתּוֹ לֹא
תִקְרָב דֹּדָתְךָ הִוא: ס טו עֶרְוַת
כַּלָּתְךָ לֹא תְגַלֵּה אֵשֶׁת בִּנְךָ הִוא
לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָהּ: ס טז עֶרְוַת אֵשֶׁת־
אָחִיךָ לֹא תְגַלֵּה עֶרְוַת אָחִיךָ הִוא:

לָא תְגַלֵּי קְרִיבַת אֲבוּךְ הִיא: יג עֶרְיַת אֲחַת אִמָּךְ לָא תְגַלֵּי אֲרֵי קְרִיבַת אִמָּךְ הִיא: יד עֶרְיַת אַח אֲבוּךְ לָא תְגַלֵּי לְאִתְּתֵיהּ לָא תִקְרַב אִתַּת אַח אֲבוּךְ הִיא: טו עֶרְיַת כַּלְּתָךְ לָא תְגַלֵּי אִתַּת בְּרָךְ הִיא לָא תְגַלֵּי עֶרְיְתַהּ: טז עֶרְיַת אִתַּת אֲחוּךְ לָא תְגַלֵּי עֶרְיְתָא דַאֲחוּךְ הִיא: יז עֶרְיַת

ת"א שאר אביך היא. בתרא קט: שאר אמך היא. שם: ערות אחי אביך. סנהדרין כה: ערות כלתך לא תגלה. יבמות כה: אשת בנך הוא. סנהדרין נג עו: ערות אשת אחיך. יבמות נה: ערות אחיך היא. שד

## רש"י

אביך בראויה לקידושין: (יד) ערות אחי אביך לא תגלה. ומה היא ערותו אל אשתו לא תקרב: (טו) אשת בנך היא. לא אמרתי אלא כשיש לבנך אישות בה פרט לאנוסה

## שפתי חכמים

[illegible]ן כתיב ערות אשה ובתה וגו' והתם כתיב נ"כ הנה מה הנה דכתיב התם מיירי בבתה אף הנה דכתיב הכא מיירי בבתה: ת הכא גבי ערות אביך לא הילכך לכתוב אחריו אל אשתו לא תקרב להודיע מה היא ערותו מבוס דסמך הקרא על הג"ש דלעיל: א והא דלא נקט רש"י גם לעיל גבי ערות בת אשת אביך אנוסה משום דלעיל מרבינן אנוסה להיוב כדכתיב בת אביך ופרש"י אף בת אנוסה במשמע. וא"ת מ"ש הכא דממעט מקרא דאשת בנך את האנוסה ואמו גבי בת אשת אביך אינו ממעט האנוסה אם מפני דלעיל ריבה הכ' משום דכתיב בת אביך ואף בת אנוסה במשמע ה"נ כתיב כלתך אף האנוסה במשמע. ותירץ הרא"ם בהני התם דהוי תרי קראי וכל אחד נדרש לעצמו וכיון שמאחד משמע אף האנוסה ומהאחד משמע לממעט אנוסה כדי שלא יסתור זה את זה דרשו שלא בא נמעט אלא השפחה וכו' בלבד כדי לקיים בני המקראות אבל הכא שהרבוי והמיעוט שניהם במקרא א' אין כל א' נדרש לעצמו אלא קאתו מצד קאתו בלשון כלתך

## פירוש לתורת אלהים

אַנְפְּלֶעקְען שְׁאֵר אָבִיךָ הִוא וָוארוּם זִיא אִיז אַיין לַייבּ פְרַיינְד פוּן דַיין פָאטֶער: (יג) עֶרְוַת דִי עֶרְוָה פוּן דַיין מוּטֶערְס שְׁוֶועסְטֶער זָאלְסְטוּ נִיט אַנְפְּלֶעקְען כִּי שְׁאֵר אִמְּךָ הִוא וָוארוּם זִיא אִיז אַלַייבּ פְרַיינְד פוּן דַיין מוּטֶער: (יד) עֶרְוַת דִי עֶרְוָה פוּן דַיין פָאטֶערְס בְּרוּדֶר לֹא תְגַלֵּה זָאלְסְטוּ נִיט אַנְפְּלֶעקְען אוּנ וָואס אִיז זַיין עֶרְוָה אֶל אִשְׁתּוֹ צוּ זַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִיט גְנֶעהֶענְען דָאס הֵייסְט דוּא זָאלְסְט מִיט אִיהר נִיט מְזַנֶּה זַיין אוּנ נִיט גֶעמֶען פַאר אַוַוייבּ וָוארוּם דוֹדָתְךָ הִוא זִיא אִיז גְרֶעכֶנְט וִויא דַיין מוּמֶע: (טו) עֶרְוַת כַּלָּתְךָ דִי עֶרְוָה פוּן דַיין שְׁנוּר זָאלְסְטוּ נִיט אַנְפְּלֶעקְען וָוארוּם אֵשֶׁת בִּנְךָ הִוא זִיא אִיז דַיין זוּנְס וַוייבּ דְרוּם לֹא תְגַלֶּה זָאלְסְטוּ נִיט אַנְפְּלֶעקְען אִיהר עֶרְוָה: (טז) עֶרְוַת דִי עֶרְוָה פוּן דַיין בְּרוּדֶערְס וַוייבּ זָאלְסְטוּ נִיט אַנְפְּלֶעקְען וָוארוּם עֶרְוַת דָאס אִיז דִי שַׁאנְד פוּן דַיין בְּרוּדֶער:

## מצות השם

(יג) [קלה] (לאו קז) שלא לגלות ערות אחות האם בכל ענין שהיה שנא' ערות אחות אמך לא תגלה כי שאר אמך היא:
(יד) [קלט] (לאו קח) שלא לגלות ערות אחי אביו בכל ענין שיהי' נקרא אחיו שנא' ערות אחי אביך לא תגלה:
(שם) [ר] (לאו קט) שלא לגלות ערות אשת אחי אביו שנא' אל אשתו לא תקרב דודתך היא:
(טו) [רא] (לאו קי) שלא לגלות ערות אשת בנו שקרוי כנו אפי' מפול פרט לבן שפחה ונכרית כי אין זה קרוי בנו שנאמר ערות כלתך לא תגלה אשת בנך היא לא תגלה ערותה:
(טז) [רב] (לאו קיא) שלא לגלות ערות אשת אחיו בכל ענין שתהיה חוץ מכשהיא במקום מלוה בהתורה התם התירו בפירוש והכא אסרה שנא' ערות אשת אחיך לא תגלה ערות אחיך היא:

אֶל אִשְׁתּוֹ לֹא תִקְרָב דֹּדָתְךָ הִיא, וְדָס זֶענֶען צְווייא מִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה, אַיין מָאהל מָאר מֶען נִיט נֶעמֶען דֶעם פָאטֶערְס בְּרוּדֶערְס וַוייבּ וֶוען עֶר לֶעבְּט, אוּנ אֲפִילוּ וֶוען דֶעם פָאטֶערְס בְּרוּדֶער אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט זַיין וַוייבּ נֶעמֶען:

עֶרְוַת כַּלָּתְךָ לֹא תְגַלֶּה וגו' וְדָאס אִיז אַמִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה. אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט מְזַנֶּה זַיין מִיט זַיין שְׁנוּר דָאס אִיז מִיט זַיין זוּהְנְס וַוייבּ, אֲפִילוּ דֶער זוּהְן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען, אָדֶער עֶר הָאט זִיא גִיגֶעט פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען טָאר עֶר נִיט מְזַנֶּה זַיין מִיט זַיין וַוייבּ אוּנ נִיט חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט אִיר, אוּנ אֲפִילוּ דֶער זוּהְן אִיז אַמַמְזֵר פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען טָאר נִיט דֶער פָאטֶער מְזַנֶּה זַיין אָדֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען מִיט זַיין זוּהְנְס וַוייבּ, נָאר אַז אַיינֶער הָאט אַזוּהְן פוּן אַגוֹיָה אָדֶער פוּן אַכְּנַעֲנִישֶׁע דִינְסְט, מִיט זַיין וַוייבּ מֶעג דֶער פָאטֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען אוֹיבּ דֶער זוּהְן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען:

עֶרְוַת אֵשֶׁת אָחִיךָ לֹא תְגַלֵּה וגו'. וְדָאס אִיז אַמִצְוֹת לֹא תַעֲשֶׂה. אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט מְזַנֶּה זַיין אוּנ חֲתוּנָה הָאבֶּען אוֹיךְ נִיט מִיט זַיין בְּרוּדֶערְס וַוייבּ, אֲפִילוּ זַיין בְּרוּדֶער אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אָדֶער עֶר הָאט זִיא גִיגֶעט סַיידֶען דֶער בְּרוּדֶער אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אָן קִינְדֶער:

אתתא וברתה לא תגלי
ית בת ברה וית בת
ברתה לא תסב לגלאה
עריתה קריבין אינון
עצת חטאין היא:
יח ואתתא עם אחתה
לא תסב לאעקא לה
לגלאה עריתה עלה
בחיהא: יט ולאתתא
בריחוק סאובתה לא

ס יז ערות אשה ובתה לא תגלה
את־בת־בנה ואת־בת־בתה לא
תקח לגלות ערותה שארה הנה
זמה הוא: יח ואשה אל־אחתה לא
תקח לצרר לגלות ערותה עליה
בחייה: יט ואל־אשה בנדת טמאתה

**ת"א** ערות אשה ובתה. שם כב לג: את בת בנה. שם כא: שארה הנה. חגיגה יא יבמות ג כריתות ה: זמה הוא. חגיגה יא יבמות ג סנהדרין עב כריתות ה טו: ואשה אל אחותה. יבמות ג יד כח קידושין נ: לצרר עליה בחייה. יבמות ח ט יג: לגלות ערותה עליה קדושין ח: ואל אשה בנדת. בבא יג מכות יד שבועות יח כריתות ב:

## בעל הטורים

(יח) עליה בחייה גימ' זהו היבמה (עם האותיות): (יט) ואל אשה. ב' דין. ואידך ואל אשה נדה לא יקרב וכן בנדת ב' הכא

## רשב"ם

בעיני לפי פשוטו: (יח) לצרור. כמו וכעסתה צרתה, שתי נשים לאיש אחד נקראות צרות זו לזו:

## רש"י

זשפחה ונכרית: (יז) ערות אשה ובתה. לא אסר הכתו' אלא ע"י נשואי הראשונה לכך נא' לא תקח ל' קיחה. וכן לענין העונש אשר יקח את אשה ואת אמה (ויקרא כ) לשון קיחה אבל אנס אשה מותר ב לישא בתה: שארה הנה. קרובות זו לזו: זמה. עצה כתרגומו ג עצת הטאין שיצרך יועצך להטות: (יח) אל אחתה. שתיהן ד כאחת: לצרר. ל' צרה לעשות את זו צרה לזו: בחייה. למדך שאם גרשה

## שפתי חכמים

אמרתי באותה שיש לבנך היכוה בה פרט להוסה וכו' שאין לבנך אישות בה וכו': ב ומקרא של ערות בת בנך וגו' דאסר הקרא בת אנוסתו לא אסר אלא בתו ובת בתו מאנוסתו אבל בתה ובת בתה לא: ג כי דגש המ"ם מבית את הכסל והוי זמם בהוא לשון מחשבה: ד כדהנן המקדש אשה יבתה או אשה ואחותה כאחת אינה מקודשת מדכתיב אשה אל אחותה לא תקח לא יהו לקוחים

## דעת זקנים מבעלי התוספות

(יט) ואל אשה. לפי שהוא עלוי אללה כימי טהרתה שייך נמי נאמר שלא תקרב ביאתם אלא תמתן עד שתטהר:

## פירוש להורת אלהים

(יז) ערות די ערוה פון איין אשה אונ איהר טאכטער לא תגלה זאלסטו ניט אנפלעקין כלומר ווען איינער געמט אוייב טאר ער ניט נעמען פאר אווייב אונ ניט מזנה זיין מיט איהר טאכטער אדער אז ער גענמט די טאכטער טאר ער ניט נעמען פאר אווייב אונ ניט מזנה זיין מיט איהר מוטער את בת בנה ואת בת בתה דיין ווייבס זונס טאכטער אדער איהר טאכטערס טאכטער לא תקח טארסטו ניט נעמען לגלות ערותה צו אנפלעקין איהר שאנד ווארום שארה הנה זייא זענען איינס מיט דעם אנדערען לייב פריינד זמה היא דאס איז איין עצה פון דעם יצר הרע וואס ער רעט דיך אן צו זינדיגען: (יח) ואשה אונ איין אשה אל אחותה צו איהר שוועסטער לא תקח זאלסטו ניט נעמען כלומר טארסט ניט נעמען צוויא שוועסטער זייא זאלין בייא דיר זיין פאר ווייבער לצרור צו באליידיגען דאס הייסט אז מען האט צוויא ווייבער איז איינע צו דער אנדערער אצרה לגלות ערותה צו אנפלעקין איהר ערוה עליה בחייה בייא זיין ווייבס לעבין טאר ער ניט נעמען איהר שוועסטער פאר אווייב אבער אז דאס ווייב שטארבט מעג ער יא נעמען איהר שוועסטער: (יט) ואל אשה אונ צו איין אשה בנדת טומאתה אין איר

## מצות השם

(יז) [כג] (לאו קיב) שלא לגלות ערות אשה ובתה שנא' ערות אשה ובתה לא תגלה וגו':

(שם) [כד] (לאו קיג) שלא לגלות ערות אשה ובת בנה על ידי נשואי הראשונה כנזכר במצוה הקודמת שנאמר את בת בנה ואת בת בתה לא תקח וגו':

(שם) [כה] (לאו קיד) שלא לגלות ערות אשה ובת בתה על ידי נשואי הראשונה שנא' ואת בת בתה לא תקח לגלות ערותה שארה הנה זמה היא:

(יח) [כו] (לאו קטו) שלא יקח אדם אחות אשתו כ"ז שאשתו בחיים ואפי' שגרש את אשתו אחותה אסורה עליו בכל ענין עד שתמות אשתו זו שנתקדשה לו לראשונה שנא' ואשה אל אחותה לא תקח לצרור לגלות ערותה עליה בחייה:

(יט) [כז] (לאו קטז) שלא לבוא על האשה נדה ולא יקרב אליה בשום קירוב ונגיעה שנא' ואל אשה בנדת טומאתה לא תקרב:

ערות אשה ובתה לא תגלה וגו'. ודאס זענען דריי מצות לא תעשה אז איינער האט גענומען אווייב טאר ער ניט מזנה זיין אונ ניט חתונה האבען מיט איר טאכטער אונ ניט מיט איר מוטער, אפילו דאס ווייב איז געשטארבין אדער ער האט זיא גיגט, אונ מען טאר ניט נעמען אווייב מיט איר זוהנס טאכטער, אונ ניט מיט טאכטערס טאכטער:

ואשה אל אחותה וגו'. ודאס איז א מצות לא תעשה מען טאר ניט חתונה האבען מיט צוויי שוועסטער, אונ אפילו ער האט איינע גיגט פון דעסטוועגען טאר ער ניט האלטין די אנדערע שוועסטער, אונ אויב ער האט חתונה געהאט מיט איין שוועסטער אונ זיא איז געשטארבען. מעג ער חתונה האבען מיט די אנדערע שוועסטער:

ואל אשה בנדת טומאתה וגו'. ודאס איז א מצות לא תעשהו אמאנטאר זיך ניכט באהעפטין מיט זיין ווייב ווען זיא איז א נדה, אונ אפילו זיא האט שוין אבגעציילט די זיבען ריינע טעג. פון דעסטוועגען איז זי טמא ביז זיא איז זיך טובל, אונ דער מאן טאר זיך נים באהעפטין צו זיין ווייב ווען

לֹא תִקְרַב לְגַלּוֹת עֶרְוָתָהּ׃ כ וְאֶל־
אֵשֶׁת עֲמִיתְךָ לֹא־תִתֵּן שְׁכָבְתְּךָ
לְזָרַע לְטָמְאָה־בָהּ׃ כא וּמִזַּרְעֲךָ לֹא־
תִתֵּן לְהַעֲבִיר לַמֹּלֶךְ וְלֹא תְחַלֵּל
אֶת־שֵׁם אֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ שביעי רביעי
כשהן מחוברין כב וְאֶת־זָכָר לֹא תִשְׁכַּב
מִשְׁכְּבֵי אִשָּׁה תּוֹעֵבָה הִוא׃ כג וּבְכָל־
בְּהֵמָה לֹא־תִתֵּן שְׁכָבְתְּךָ לְטָמְאָה־
בָהּ וְאִשָּׁה לֹא־תַעֲמֹד לִפְנֵי בְהֵמָה

**אונקלוס**

תִקְרַב לְגַלָּאָה עֶרְיְתַהּ׃
כ וּבְאִתַּת חַבְרָךְ לָא תִתֵּן
שְׁכוּבְתָּךְ לְזַרְעָא
לְאִסְתַּאָבָא בַהּ׃ כא וּמִזַּרְעָךְ
לָא תִתֵּן לְאַעְבָּרָא לְמוֹלֶךְ
וְלָא תַחֵיל יָת שְׁמָא
דֶאֱלָהָךְ אֲנָא יְיָ׃ כב וְיָת
דְּכוּרָא לָא תִשְׁכּוּב
מִשְׁכְּבֵי אִתְּתָא תּוֹעֶבְתָּא
הִיא׃ כג וּבְכָל בְּעִירָא
לָא תִתֵּן שְׁכוּבְתָּךְ
לְאִסְתַּאָבָא בַהּ וְאִתְּתָא
לָא תְקוּם קֳדָם בְּעִירָא

ת"א לא תקרב. שבועות יח: ומזרעך לא תתן. מגילה כה סנהדרין על: משכבי אשה. יבמות פג סוטה כו קידושין כב סנהדרין נד נה הוריות ד: ובכל בהמה לא תתן. סנהדרין נד:

**בעל הטורים**

ואידך כשוכא כנדת. שמי המלות באם לא קרב אל אשה נדה כתיב ביה לדיק הוא חיה יהיה אבל אם קרב אליה בנדת טומאתה

**רש"י**

לא ישא את אחותה כל זמן שהיא בחיים: (כא) למלך. ע"ה היא ששמה מולך וזו היא עבודתה שמוסרים בנו לכומרים ועושין שתי מדורות גדולות ומעבירין את הבן ברגליו בין שתי מדורות האש: לא תתן. זו היא מסירתו לכומרים: להעביר למלך. זו העברת האש: (כג) תבל הוא. לשון קדש ערוה וניאוף וכן ואפי על תבליתם (ישעי'

**שפתי חכמים**

אפי' בהאם מהן. ופי' אל אחותה כמו על ופי' כמו עם אחותה כמו על גביו שפירושו עם גביו: ה (דב"ט) דאל"כ בחייה ל"ל הא כבר

**פירוש לתורת אלהים**

אום ריינקייט פון דער נדה לא תקרב זאלסטו ניט גענעהנן צו אנפלעקן איהר ערוה דאס מיינט מען אבאנם פערזאהן מאר ניט משמש המטה זיין מיט אאשה וואס זיא איז נדה אפילו זיא איז זיין ווייב: (כ) ואל אשת עמיתך אונ צום ווייב פון דיין חבר לא תתן זאלסטו ניט געבען דיין גלעגער זרע צו זייען כלומר מיט איין פרעמד ווייב מארסטו ניט מזנה זיין לטמאה צו פאר אום ריינגען זיך מיט איהר: (כא) ומזרעך אונ פון דיינע קינדער לא תתן זאלסטו ניט געבען להעביר צו מאבען איבער פארען דורך דעם פייער למולך צו דער ע"ז וואס ווערט גרופין מולך (רש"י שרייבט דיא ע"ז מולך האט מען אזוי גדינט אמענטש האט זיין קינד איבער געגעבען צו די דינערס אונ זייא האבין גמאכט צווייא גרויסע פלאקערין פייער אונ האבין דאס קינד גפירט צווישען די צווייא פלאקערין) ולא תחלל אונ זאלסט ניט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט אבער אז דוא ווערסט יא אזוי טאהן וועסטו פאר שעמען גאטס נאמען אני יי דוא זאלסט וויסען אז איך בין גאט אונ קאן בצאלען דיר איין עונש: (כב) ואת זכר אונ מיט אזכר זאלסטו ניט מזנה זיין משכבי אשה אזוי וויא מיט איין אשה ווארום תועבה הוא דאס איז אום ווערדיג: (כג) ובכל בהמה אונ זאלסט ניט מזנה זיין מיט אבהמה לטמאה דוא זאלסט דיך ניט

**מצות השם**

(כא) [כח] (לאו קיז) שלא למסור אחד או שנים מבניו כדי להעבירם באש כדרך עבודת המולך בנא' ומזרעך לא תתן להעביר למולך:

(כב) [כט] (לאו קיח) שלא לבוא אל הזכר ולא להביא הזכר עליו שנא' ואת זכר לא תשכב משכבי אשה תועבה היא:

(כג) [ל] (לאו קיט) שלא לבוא על שום בהמה וחיה ולא יביאם עליו שנא' ובכל בהמה לא תתן שכבתך לטמאה בה:

מען ווייס זיא דארף זעהן נדה, דהיינו זי איז געוואהנט צו זעהן נדות אלע דרייסיגסטען טאג ביי טאג, מוז דער מאן זיך דערווייטערן פון איר דעם גאנצין דרייסיגסטען טאג, פון ווען עס ווערט נאר טאג. אונ אויב זיא איז געוואהנט צו זעהן נדות די נאכט צום דרייסיגסטען טאג, מוז דער מאן זיך דערווייטערן פון איר די גאנצע נאכט וואס געהער צום דרייסיגסטען טאג, פון דער צייט וואס ווערט נאר נאכט:

מזרעך לא תתן להעביר למולך וגו'. ודאס איז אמצות לא תעשה‏ו עס איז געוועזן איין מין עבודה זרה. מען האט געמאכט צוויי פלאמען פייער. איינס געגען דאס אנדערע, אונ אמאמער פלעגט געבין איין קינד אדער צוויי קינדער פון זיינע קינדער צו די כומרים פון די עבודה זרה, אונ די כומרים פלעגין פירען דאס איינע קינד אדער די צוויי קינדער צווישען די פייערין אונ דאס קינד איז פארברענט געווארען, די עבודה זרה האט מען גירופען מולך ודורך פירן זאגט די תורה דער פאטער אדער דער כומר וואס וועט אזוי טאהן זאל מען אים פערווארפען מיט שטיינער אונ מען זאל אים הרגנען:

לְרִבְעָה תֶּבֶל הוּא׃ כד אַל־תִּטַּמְּאוּ
בְּכָל־אֵלֶּה כִּי בְכָל־אֵלֶּה נִטְמְאוּ
הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־אֲנִי מְשַׁלֵּחַ מִפְּנֵיכֶם׃
כה וַתִּטְמָא הָאָרֶץ וָאֶפְקֹד עֲוֺנָהּ
עָלֶיהָ וַתָּקִא הָאָרֶץ אֶת־יֹשְׁבֶיהָ׃
מפטיר כו וּשְׁמַרְתֶּם אַתֶּם אֶת־חֻקֹּתַי
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי וְלֹא תַעֲשׂוּ מִכֹּל
הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה הָאֶזְרָח וְהַגֵּר הַגָּר
בְּתוֹכְכֶם׃ כז כִּי אֶת־כָּל־הַתּוֹעֵבֹת
הָאֵל עָשׂוּ אַנְשֵׁי־הָאָרֶץ אֲשֶׁר

**אונקלוס**

לְמִשְׁלַט בַּהּ תִּבְלָא הוּא׃
כד לָא תִסְתַּאֲבוּן בְּכָל
אִלֵּין אֲרֵי בְּכָל אִלֵּין
אִסְתַּאֲבוּ עַמְמַיָּא דִּי אֲנָא
מַגְלֵי מִן קֳדָמֵיכוֹן׃
כה וְאִסְתַּאֲבַת אַרְעָא
וְאַסְעָרִית חוֹבַהּ עֲלַהּ
וְרוֹקִינַת אַרְעָא יָת
יָתְבַהָא׃ כו וְתִטְּרוּן אַתּוּן
יָת קְיָמַי וְיָת דִּינַי וְלָא
תַעְבְּדוּן מִכָּל תּוֹעֲבָתָא
הָאִלֵּין יַצִּיבַיָּא וְגִיּוֹרַיָּא
דִּי יִתְגַּיְּרוּן בֵּינֵיכוֹן׃
כז אֲרֵי יָת כָּל תּוֹעֲבָתָא
הָאִלֵּין עֲבַדוּ אֱנָשֵׁי אַרְעָא

**ת"א** אל תטמאו בכל אלה. סנהדרין
כא מכות כד: ותטמא הארץ.
שבת לג: ובמרתם אתם. סנהדרין
ס: כי את כל. שבת לג יבמות כא נדרים פא תמורה כט:

## משלי חכמים

(כד) אל תטמאו בכל אלה וגו'. נאט האט געזאגט צו משה ער זאל זאגן צו די יודין איר זאלט אייך ניט מטמא זיין מיט די אלע מיאוסע זאכען, ווארום די פעלקער וואס איך שיק זיי ארויס פון דעם לאנד פון אייערטוועגין, זיי זענען טמא געווארין מיט די מיאוסע זאכין אונ זיי האבין מטמא געווען דאס לאנד, דריבער האט דאס לאנד זיי אויסגעשפיגען פון זיך, אונ אז איר וועט טאהן די מיאוסע זאכין וועט דאס לאנד אייך אויך אויסשפייען פון זיך, אונ נאך מעהר וועט אייך גאט שטראפין, די מענטשין וואס וועלין טאהן די מיאוסע זאכין וועלין פארשניטען ווערין פון זייער פאלק. די פסוקים זענען שווער צו פארשטיין. ביי די כנענים שטייט זיי זענען טמא געווארין מיט די אלע זאכין, זעהט אויס אז די כנענים האבין געטאהן אלע מיאוסע זאכין, דאמאלס זענען זיי געשטראפט געווארין, אבער ווען זיי האבין נאר געטאהן אביסול פון די מיאוסע זאכין, זענען זיי ניט געשטראפט געווארען, אונ די יודין האט גאט געבאטען ולא תעשו מכל התועבות האלה, עס שטייט ניט ולא תעשו כל התועבות, איר זאלט ניט טאהן אלע מיאוסע זאכין, נאר עס שטייט איר זאלט ניט טאהן פון דיא אלע מיאוסע זאכין, מיינט מען אפילו אביסול פון די מיאוסע זאכען זאל מען אויך ניט טאהן אונ אז די יודין וועלען טאהן אפילו אביסול פון די מיאוסע זאכען וועלען זיי אויך געשטראפט ווערען גלייך מיט די כנענים, וואס זיי האבען געטאהן אלע מיאוסע זאכען. פאר וואס זאלען די יודין זיין ערגער צום געשטראפט ווערען ווי די כנענים, נאר אז מיר וועלען זעהען אונ אכטונג געבען אויף די מענטשין וואס זענען אויף דער וועלט, וועלען מיר געפינען צוויי ערליי מענטשין, עס זענען דא מענטשין וואס זיי זענען איידעלע, אז מען זאגט צו אים ער זאל זיין עסין מיטאג, וועט ער פרעגין וואס וועט מען אים געבין עסין, ווייל ניט יעדער עסין איז פאר אים גוט, אונ ניט יעדער משקה איז פאר אים גוט, אונ אפילו דאס עסין אדער דאס טרינקען וואס ער קען עסין, עסט ער דאס מיט די מאס אונ מיט די וואג, ווארום טאמער וועט ער עסין אדער טרינקען

## פירוש להורת אלהים

פאר אום ריינינגין מיט איהר ואשה אונ איין אשה זאל זיך ניט שטעלען פאר א בהמה לרבעה צו מזנה זיין מיט איהר תבל הוא דאס הייסט ניאוף אדער דאס הייסט אפאר מישונג: (כד) אל תטמאו איהר זאלט זיך ניט פאר אום ריינינגען אין אלע דיא זאכען וועס פריער איז געשטאנען כי ווארום אין די אלע זאכען נטמאו זענען פאר אום ריינינגט געווארין דיא פעלקער אשר וואס איך פאר שיק פאר אייך ותטמא אונ דורך דעם איז דאס לאנד פאר אום ריינינגט געווארין ואפקוד האב איך געדיינקט איהר זינד אויף איהר ותקיא דרום האט דאס לאנד אויס גשפיגען אירע זיצרס: (כו) ושמרתם אונ איהר זאלט היטען מיין געזעץ אונ איר זאלט אייך דערוויטערין פון אלערליי די אום ווערדיקייט האזרח דער אלט געזעסענער אונ דער גר וואס איז צווישען אייך: (כז) כי ווארום אלע די אום ווערדיקייט עשו האבין געטאהן די מענטשען אשר וואס זייא זענען דרינען

### מצות השם

(שס) [ריח] (לאו קכ) שלא תביא האשה בהמה על עצמה שנא' ואשה לא תעמוד לפני בהמה לרבעה תבל הוא:

ואת זכר לא תשכב משכבי אשה וגו'. ודאס איז אמצות לא תעשהו איין זכר טאר ניט מזנה זיין מיט דעם אנדערייי זכר אזוי ווי מען איז מזנה מיט א אשה:

ובכל בהמה לא תתן שכבתך וגו'. ודאס איז א מצות לא תעשהו סיי א זכר אונ סיי א נקבה טארין ניט מזנה זיין מיט א בהמה:

לִפְנֵיכֶם וַתִּטְמָא הָאָרֶץ: כח וְלֹא־ תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ

דִּי קֳדָמֵיכוֹן וְאִסְתָּאֲבַת אַרְעָא: כח וְלָא תְרוֹקֵן אַרְעָא יָתְכוֹן בְּסוֹאֲבֵיכוֹן

ת"א ולא תקיא. שבת לג:

## שפתי חכמים

כתיב אל המוחה דמשמע שתיהן כא׳: ו דלפי פשוטו של מקרא משמע שלא תקיא הארץ את ישראל אפי׳ אם יטמאו אותה כאשר קאה את הגוי שטימאו אותה וא"כ מה גיזום להם שישמרו את החוקים והמשפטים לכן הביא משל לבן מלכים וכו׳ כלו׳ שאתם תהיו כמו בן מלכים שאם יאכל דבר מאוס מיד מקיא מפני שהוא

## רש"י

י). ד"א תבל הוא ל׳ בלילה וערבוב זרע אדם וזרע בהמה: (כח) ולא תקיא הארץ אתכם. משל לבן מלך שהאכילוהו דבר מאוס שאין עומד במעיו אלא מקיאו כך ארץ ישראל ו אינה מקיימת עוברי עבירה ותרגומו ולא תרוקן לשון

## פירוש לתורת אלהים

געסן פאר אייך דורך דעם וַתִּטְמָא איז פאר אום ריינגט געווארין דאס לאנד: (כח) וְלֹא תָקִיא אונ דאס

## משלי חכמים

אביסול מעהר ווי די מאס וועט ער שוין קראנק ווערען, אונ אויב ער דארף עפעס נייערש עסען אדער טרינקען וועט ער פריער פרעגען אויף דעם וועטער וואס אין גאס איז, אונ אויב דער וועטער וועט אים ניט געפעלין וועט ער ניט ארויס גיין פון שטוב. אונ עס זענען דא אנדערע מענטשין וואס זענען גאר פארקערט זיי זענען שטארק אין דער נאטור, אז ער דארף גיין אדער פארען פרעגט ער גאר ניט אויף דעם וועטער, ווייל עס איז אים קיין אונטערשייד וועלכער וועטער עס איז, אפילו עס רעגענט אדער עס שנייט אדער עס איז אנרויסער פראסט וועט ער אלין גיין אין וועג אונ עס וועט אים ניט שאדין טאהן, אונ ווען ער וועט וועלען עסין וועט ער ניט פרעגען וואס מען וועט אים געבין עסין, נאר וואס מען וועט אים געבען וועט ער עסין אונ וואס מען וועט אים געבען טרינקען וועט ער טרינקען, אונ ער וועט גיט אפמעסטין ווי פיל ער זאל עסין אדער ווי פיל ער זאל טרינקען, נאר ער וועט אריין לייגען אין בויך ווי פיל עס וועט קענען אריין, אונ ער איז גאנץ שטארק אונ געזונד, אונ ניט אזוי געשווינט וועט אים שאדין טאהן אזבין ער זאל אים דארפען צוריק איבערגעבען. ווי איז אבער עס זאל ביי דעם מענטש טרעפין ער האט זיך אנגיגעסען אפולען בויך זאס מיט עלעכטע עסין אונ ער איז קראנק געווארען, אונ מען האט אים מיט גרויסע שווערע ארבייט צוריק געזונד געמאכט, אבער דער מאגען איז שוואך געווארען, אונ דער גאנצער קערפער זיינער איז שוואך געווארען, ער קען שוין איצט אויך ניט עסין אלע עסענווארג, ער קען שוין איצט אויך ניט גיין אין גאס אויף יעדער וועטער, ער איז אויך געווארען איידיל, ווייל ער איז קראנק גיוועזן אונ האט קאליע געמאכט דעם מאגען איין לצפיל עסין איבעריגע ער וועט עסין וועט דאס אים אויך שאדען טאהן אונ ער וועט קראנק ווערען, דאס זעלבינע איז ביי ארץ ישראל אויך, אין די ערשטע יאהרען איז די לאנד גיוועזן געזונד אונ שטארק נזיא איז גיוועזן ריין פון זינד), נאך דעם ווי די פעלקער האבען זיך בזעצט אין די לאנד אונ זיי האבען אין איר פילגעזינדיגט ביז די לאנד איז טמא געווארין אונ זיא האט ארויסגעווארפען פון זיך אירע שלעכטע זינדיגע מענטשין, אונ ווען די יודין זענען אריין געקומען אין די לאנד, זענען זיי דאך שוין געקומען נאכדעם ווי די לאנד איז שוין קראנק געווארען ווי זיא איז שוין טמא געווארען; אונ איר נאטור איז שוין קאליע געווארען, דריבער מוז מען איצט זיין מעהר אפגעהיט, אקליין ביסעלע עבירות מען וועט איצט טאהן, דערוועקט זיך די פריערדיגע טומאה, אונ זיא וועט ניט קענען דערהאלטען אויף זיך די זינדיגע מענטשין, דאס איז וואס דער פסוק זאגט צו די יודין איר זאלט אייך ניט מטמא זיין מיט די אלע מיאוסה זאכין, ווארום מיט די אלע מיאוסה זאכין זענען טמא געווארען די פעלקער, דורך די אלע מיאוסה זאכען זענען זיי טמא געווארען, אונ די ערד איז אויך טמא געווארען, איר נאטור איז קראנק געווארען, האב איך אויף איר דערמאנט אירע זינד אונ די ערד האט זיי ארויס געטריבען, דריבער דארפט איר איצט היטען מיינע חקים אונ מיינע משפטים אונ איר זאלט ניט טאהן די מיאוסה זאכען, אפילו אביסול פון די מיאוסה זאכען זאלט איר ניט טאהן:

(כח) וְלֹא תָקִיא הָאָרֶץ אֶתְכֶם בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם. די לאנד וועט אייך ניט אויסשפייען אז איר וועט זיא מטמא זיין אזוי ווי זי האט אויסגעשפיגען דאס פאלק וואס זענען גיוועזן אין איר פאר אייך. כִּי כָּל אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה מִכֹּל הַתּוֹעֵבוֹת הָאֵלֶּה. ווארום אלע מענטשין וואס וועלען טאהן פון די אלע מיאוסה זאכין וואס די פעלקער האבען גיטאהן וְנִכְרְתוּ הַנְּפָשׁוֹת הָעֹשֹׂת מִקֶּרֶב עַמָּם. די מענטשין וואס וועלען טאהן די מיאוסה זאכין וועלין פארשניטען ווערען פון זייער פאלק, דאס ערשטע וועלין מיר פרעגין אויף די ווערטער וואס די תורה האט געזאגט, די לאנד וועט אייך ניט אויסשפייען ווען איר וועט זי מטמא זיין, עס דארף דאך שטיין פערקעהרט די לאנד וועט אייך יא אויסשפייען אז איר וועט זיא מטמא זיין. אזוי ווי זיא האט אויסגעשפיגען דאס פאלק וואס איז גיוועזן פאר אייך ווייל זייא האבען זיא מטמא גיוועזן. נאך אקשיא איז דער פסוק זאגט די מענטשין וואס וועלען טאהן די מיאוסה זאכען וועלען פארשניטען ווערין פון זייער פאלק, פאר וואס זענען די כנענים ניט פארשניטען געווארען פון זייער פאלק. די צוויי קשיות אויף די פסוקים וועלען מיר ענטפערין מיט אמשל, וועלין מיר פארשטיין וואס נאס האט גיזאגט צו די יודין. למשל אמאהל איז גיוועזן אבעל הבית וואס האט ביי זיך גיהאט אקנעכט פון די פראסטע פאלק פון דארף, דער קנעכט האט ניט געוואסט אונ האט ניט פערשטאנען די איידעלקייט פון דעם בעל הבית. ער האט נאר גערעכנט ער מוז ארבייטען אונ מוז פאלגען דעם בעל הבית, ווייל דער בעל הבית צאהלט אים פאר די ארבעט אונ גיט אים עסין. אמאהל האט דער קנעכט זיך געטראפען מיט נאך אנדערע קנעכט אין אפייער טאג, אונ האבען צווישען זיך געשמועסט זיי האבען שווערע ארבייט ביי זייערע בעלי בתים אונ מוזין ארבעטען ביי טאג אונ ביי נאכט, איז ביי זיי געבליבען זיי מוזין זיך אליין פריי מאכען אלע טאג צוויי שעה אונ קומען דא אין די שיינק, זיי האבען אנגעהויבען קומען אין די שיינק אלע טאג, אונ האבין געטרונקען ביז זיי זענען שכור געווארען. דר איידלער בעל הבית האט געזעהן ווי דער קנעכט קומט אלע פארין נאכט אדער ביי נאכט, אהיים שכור, האט דער בעל הבית מיט אים גאר ניט גירעט נאר ער האט אים ארויס געטריבען פון שטוב. אונ האט גענומען אויף זיין ארט איין אנדערער

כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת־הַגּוֹי אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם׃
כט כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה מִכֹּל הַתּוֹעֵבֹת
הָאֵלֶּה וְנִכְרְתוּ הַנְּפָשׁוֹת הָעֹשֹׂת
מִקֶּרֶב עַמָּם׃ ל וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־
מִשְׁמַרְתִּי לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת מֵחֻקּוֹת
הַתּוֹעֵבֹת אֲשֶׁר נַעֲשׂוּ לִפְנֵיכֶם וְלֹא

יָתַהּ כְּמָא דִי רוֹקִינַת
יָת עַמָּא דִי קֳדָמֵיכוֹן׃
כט אֲרֵי כָּל דִי יַעֲבֵיד
מִכָּל תּוֹעֲבָתָא הָאִלֵּין
וְיִשְׁתֵּיצוֹן נַפְשָׁתָא
דְיַעְבְּדוּן מִגּוֹ עַמְּהוֹן׃
ל וְתִטְּרוּן יָת מַטְּרַת
מֵימְרִי בְּדִיל דְלָא
לְמֶעְבַּד מִנִּימוֹסֵי
תּוֹעֲבָתָא דְאִתְעֲבִידָא

ת"א כי כל אשר. יבמות ח לד קידושין סז בתרא פח בכורות כו כריתות כב: ונכרתו. קידושין כב ב"ק לב מכות כג כריתות ב: ושמרתם את. מ"ק ה חגיגה יח יבמות כא שביעות ז: לבלתי עשות. חגיגה יח שבועות ז:

## בעל הטורים

הרי הוא כנדה עמי הארצות: (כט) הנפשות העשת. כתיב חסר לומר שחייב אפי' בלא התראה:

## רש"י

דיקון מריקה עצמה מהם: (כט) הנפשת העשת. הזכר והנקבה במשמע: (ל) ושמרתם את משמרתי. להזהיר ב"ד על כך: ולא תטמאו בהם אני ה' אלהיכם. הא אם תטמאו איני אלהיכם ואתם נפסלים מאחרי ומה הנאה יש לי בכם ואתם מתחייבים כליה לכך נאמר אני ה' אלהיכם: חסלת פרשת אחרי

## שפתי חכמים

מפוקך כך אם אתם תטמאו את הארץ מיד תקיאה אתכם ולא תאריכו ימים על האדמה כמו בגוי אשר לפניכם שהאריכו ימים על האדמה אף שעשו כל התועבות האלה אבל אתם אם תעשו התועבות האלה מיד תקיא אתכם: ז פי' לעיל בפסוק לא תקרבו: ח דאי להזהיר את ישראל על כך הרי כבר אמור ושמרתם את חקותי וגו' ולא תעשו מכל התועבות האלה: ט דק"ל והא בתחלת הפרשה כתיב אני ה' אלהיכם. לכן פרש"י דאני ה' אלהיכם דכתיב הכא הוא קבלת מלכותי וגזרותי ומש"ה סוגאתי אתכם וא"כ כשתטמאו את עצמכם ולא תשמרו את גזרותי א"כ נפסלים אתם ממני וא"כ מה הנאה תהיה לעולם בכם כיון שאין אתם מקיימין גזירות ומשפטים של הקב"ה וכ"ש שאין אתם מקיימים גזירות ומשפטים של שאר מלכי בו"ד וממילא אתם חייבים כלייה כיון שאין צורך בכם ובפרט שאתם עובדים עבודת אלילים:

## משלי חכמים

קנעכט, דר קנעכט איז שוין געוועזן אאיידעלער מענטש פון איידעלע עלטערין, נאר זיי זענען ארעם געווארען האט ער געמוזט ווערין אקנעכט, האט דער בעל הבית געזאגט צו דעם נייעם קנעכט זאלסט וויסען דעם פריערדיגען קנעכט האב איך ארויס געטריבען ווייל ער פלעגט קומען אהיים אלע טאג שכור, איצט זאג איך דיר דו זאלסט ניט טרינקען אזעלכע משקה וואס מאכען שכור, נאר ווענען דריי זאכין, דאס ערשטע איז, אזוי ווי דו זעהסט איך האב ארויס געטריבען דעם קנעכט וואס פאר דיר, ווייל ער איז געוועזן שכור, געווים אז דו וועסט זיין שכור וועל איך דיך אויך ארויס טרייבען, דאס צווייטע איז, דו זאלסט דיר ברעכנען מאראך דעם פריערדיגען קנעכט וואס ער איז געוועזן פון אדארף, גראב פון די נאטור, וואס זיין שטייגער אוג זיין געוואהנהייט איז צו שכור זיין, פון דעסטוועגען האב איך אים ארויס געטריבען ווייל ער איז געוועזן שכור, דוא, וואס דו ביזט פון אאיידלע פאמיליע אונ דו אליין ביזט אויך אאיידעלר מענטש, איז דאך געווים אז איך וועל דיך ארויסטרייבען אויב דו וועסט זיין שכור, דאס דריטע וועל איך דיר זאגען, דעם פריערדיגען קנעכט האב איך ניט געקאנט מער בעשטראפען נאר מיט דעם וואס איך האב אים ארויסגעטריבען. אבער דו וואס דו ביסט אחסין, אויסער דעם וואס איך וועל דיך ארויסטרייבען וועל איך נאך באקענט מאכען אויף די גאנצע וועלט דיין נאמען מיט דיין שלעכטע פירונג וועט אויף דיר קיינער רחמנות האבען וועסטו שטארבען פון הונגער. אזעלכע ווערטער האט הקדוש ברוך הוא געשמועסט מיט די יודין אין דער תורה, איר זאלט וויסען אין די לאנד האב איך געהאלטען די כנענים, אונ האב די כנענים ארויסגעטריבען פון דעם לאנד ווייל זיי האבען די לאנד מטמא געוועזן מיט זייערע זינד, איצט וועט איר אריין קומען אין דעם לאנד, זאלט איר אייך היטען אונ איר זאלט אייך ניט מטמא זיין מיט די מיאוסה זאכען וואס די כנענים האבען זיך מטמא געוועזן, ווארום איר דארפט וויסען אזוי ווי איך האב די כנענים ארויס געטריבען פון דעם לאנד ווייל זיי האבען געטאהן מיאוסה זאכען, אז איר וועט טאהן די מיאוסה זאכען וועל איך אויך אייך ארויס טרייבען פון דעם לאנד, צווייטענס וועל איך אייך זאגען, איר זאלט ניט טראכטען אז מער ווי מיט ארויס טרייבען וועל איך אייך ניט שטראפען, ניין, דאס איז אמעות די כנענים האב איך נאר געשטראפט מיט ארויס טרייבען, ווייל מער ווי מיט ארויס טרייבען האב איך זיי ניט געקענט שטראפען, ווייל זיי האבען קיין נשמות, אבער אייך, ולא תקיא הארץ אתכם בטמאכם אותה, וועט ניט זיין גענוג דער
שטראף

## פירוש להורה אלהים

לאנד וועט אייך ניט אויס שפייען בטמאכם אז איהר וועט זיא פאר אום ריינגין כאשר אזוי וויא זיא האט אויס געשפיגען את הגוי דעם פאלק אשר לפניכם וואס זייא זענען געזעסין דריגען פאר אייך: (כט) כי נאר איטליכער וואס וועט טאהן פון אלע דיא אום ווערדיקייט ונכרתו וועלן די מענטשין וואס וועלען די זאכען טאהן פאר שניטען ווערען מקרב עמם פון צווישען זייער פאלק: (ל) ושמרתם אונ איהר זאלט היטען מיין היטונג. (רש"י שרייבט דער פסוק איז מזהיר אז דאס בית דין זאל אכטונג געבען דרויף לבלתי אז מען זאל ניט טאהן מחוקות פון אזעלכע אום ווערדיגע געזעץ אשר וואס זענען געטאהן געווארין

תְּטַמְּאוּ בָּהֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃

פ פ פ

**אונקלוס**

קֳדָמֵיכוֹן וְלָא תִסְתַּאֲבוּן בְּהוֹן אֲנָא יְיָ אֱלָהֲכוֹן׃

**פירוש להורת אלהים**

פאר אייך ולא תטמאו און איהר זאלט ניט ווערען פאר אום ריינקייט דורך זייא אני יי איך בין אייער גאט:

**משלי חכמים**

שטראף וואס די לאנד וועט אייך ארויסשרייבען אז איר וועט איר מטמא זיין, אזוי ווי זיא האט ארויס געשריבען די פעלקר וואס פאר אייך אז זיי האבען איר מטמא געוועזען, נאר אייך וועל איך נאך מער שטראפין, איך וועל נאך שטראפין אייערע נשמות אויך, ונכרתו הנפשות העושות מקרב עמם. די נשמות וועלען פארשניטען ווערען פון זייער פאלק, זיי וועלען זיין אין גיהנם. דריבער זאלט איר היטען די תורה און מצות, וועט איר האבען עולם הזה אין די לאנד ארץ ישראל און איר וועט האבען גן עדן צו עולם הבא:

## הפטרת אחרי (עמוס ט)

א הֲלוֹא כִבְנֵי כֻשִׁיִּים אַתֶּם לִי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל נְאֻם־
יְהוָה הֲלוֹא אֶת־יִשְׂרָאֵל הֶעֱלֵיתִי מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
וּפְלִשְׁתִּיִּים מִכַּפְתּוֹר וַאֲרָם מִקִּיר׃ ב הִנֵּה עֵינֵי ׀
אֲדֹנָי יְהוִה בַּמַּמְלָכָה הַחַטָּאָה וְהִשְׁמַדְתִּי אֹתָהּ
מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אֶפֶס כִּי לֹא הַשְׁמֵיד אַשְׁמִיד אֶת־

**משלי חכמים**

הנה עיני ה' בממלכה החטאה וגו'. די פסוקים וועלין מיר פארשטיין מיט א משל, א מלך האט אמאל געהאט צוויי שרים, איין שר האט ער ליב געהאט ווי זיין לעבען, דעם אנדערין שר האט ער פיינט געהאט, אמאל האט דער מלך נדארפט פארין אוועקפארין ווע״ג. האט ער גיבעטין די צוויא שרים זיי זאלין מאהן פון זיינעטוועגין איין זאך אנאנץ גייטיגע, און ער האט זיי צוגיזאגט ווער פון זיי עס וועט די זאך מאהן ריכטיג ווי דער מלך פערלאנגט, וועט מען אים אנטאהן די קעניגליכע קליידער, און ער וועט רייטין אויף דעם קעניגליכען פערד, און מען וועט אויסשרייען פאר אים, אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער קעניג וויל אים געבין כבוד, נאך האט דער מלך גיבאטין צו די צוויי שרים אויף אזאך, די זאך זאל ניט גיטאהן ווערין, און אויב מען וועט די זאך יא טאהן, וועלכער פון די שרים עס וועט האבין גיטאהן די זאך וועט מען פון אים אפציהען זיינע קליידער, און מען וועט אים אנטאהן אלטע צוריסענע קליידער און מען וועט אים פירען אין גאס און מען וועט רופען פר אים אזוי ווערט געטאהן צו דעם מענטש וואס האט ניט געהאלטען דעם בעפעל פון מלך. דער מלך איז אוועק גיפאר־רין און די צוויי שרים האבין ביידע גיטאהן ווי דער מלך האט זיי גיבאטין, אבער די אנדערע זאך וואס דער מלך האט גיבאטין מען זאל זיא ניט טאהן, האבין זייא יא גיטאהן, דער מלך איז געקומען אהיים און ער האט געזעהן אז די ביי־דע שרים האבען פארדינט מעי זאל זיי געבען דעם כבוד וואס ער האט זיי צו גיזאגט און מען זאל זיי געבען די שאנדע וואס ער האט זיי צו גיזאגט, האט דער מלך געשוויגען און האט נאר ניט גירעט, אמאל האט גיטראפין, דער מלך מיט די צוויי שרים און זייגע בעדינטע האבין ארויסגעריטין אין וואלד, האט דער מלך גיבאטין זיינע בעדינטע זיי זאלין נעמען דעם שר וואס דער מלך האט אים ליב און זאלין אראפ ציהען פון אים זיינע קליידער, און זאלין אים אנטאהן אלטע קליידער צוריסינע און זאלין אים פארשעמען מיט אלע ערליי פארשעמונג, און אזוי זאלין זיי אים פירען אין וואלד, און די בעדינטע האבען אזוי גיטאהן, נאכדעם האט ער געבאטין די בעדינטע זיי זאלין נעמען דעם אנדערין שר און זאלין אים אנטאהן קעניגליכע קליידער און זאלין אים זעצין אויף דעם קעניגליכען פערד, און זאלין אים אנטאן קעניגליכע צירונג. און זאלין אים פירען אין וואלד, און זאלין זאגין אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער קעניג וויל אים געבין כבוד, די בעדינטע פון קעניג האבין זיך געוואונדערט אויף דעם קעניג, דער שר וואס איז גוועען געליבט ביא

**פירוש ע"ט**

זאגט דער נביא צו דיא ישראל אזוי זאגט גאט פאר וואס זאל איך אייך ניט שטראפין פאר אייערע עבירות. הלא פאר וואר כבני איהר זענט ביי מיר אזוי ווי די כושים וואס זענען שווארץ און זיי קענען ניט ווייס ווערין אזוי וועט איהר ישראל געווים ניט בעסער ווערין. און פאר וואס זאל איך אייך אן נעמען פאר איין פאלק איהר וועט וועלען מיינען הלא ווייל איך האב אייך ישראל אמאהל אויס געצויגען פון מצרים דרום זאל איך אייך האלטין פאר איין פאלק דאס איז קיין ראיה ניט ופלשתיים מכפתור איך האב דיא פלשתים אויך אויס געצויגען פון דעם לאנד כפתור און אזוי וועל איך אויס ציהען וארם מקיר ארם פון דעם לאנד קיר וואס זייא זענען אהין פאר טריבען געווארין און פון דעסט וועגין האב איך זיי מיר ניט גענומען פאר איין פאלק. אזויא אויך די ישראל אפילו איך האב זיי אויס גיצויגין פון מצרים אז זיי וועלין ניט יערט זיין וועל איך זיי ניט האלטען פאר איין פאלק דרום זאלט איר זעהן תשובה צו טאהן: (ב) הנה נון עיני דיא אויגין פון גאט וועלין זיין אין דעם זינדיגן קינגרייך מיינט מען אין מלכות יהוא וואס ער איז א מלך איבער דיא צעהן שבטים והשמדתי און איך וועל די מלוכה פר טיליגען פון דער ערד אפס נייערט

בֵּית יַעֲקֹב נְאֻם־יְהוָה׃ ג כִּי־הִנֵּה אָנֹכִי מְצַוֶּה
וַהֲנִעוֹתִי בְכָל־הַגּוֹיִם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר יִנּוֹעַ
בַּכְּבָרָה וְלֹא־יִפּוֹל צְרוֹר אָרֶץ׃ ד בַּחֶרֶב יָמוּתוּ כֹּל
חַטָּאֵי עַמִּי הָאֹמְרִים לֹא־תַגִּישׁ וְתַקְדִּים בַּעֲדֵינוּ
הָרָעָה׃ ה בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶת־סֻכַּת דָּוִיד הַנֹּפֶלֶת
וְגָדַרְתִּי אֶת־פִּרְצֵיהֶן וַהֲרִסֹתָיו אָקִים וּבְנִיתִיהָ כִּימֵי
עוֹלָם׃ ו לְמַעַן יִירְשׁוּ אֶת־שְׁאֵרִית אֱדוֹם וְכָל־הַגּוֹיִם
אֲשֶׁר־נִקְרָא שְׁמִי עֲלֵיהֶם נְאֻם־יְהוָה עֹשֶׂה זֹּאת׃
ז הִנֵּה יָמִים בָּאִים נְאֻם־יְהוָה וְנִגַּשׁ חוֹרֵשׁ בַּקֹּצֵר
וְדֹרֵךְ עֲנָבִים בְּמֹשֵׁךְ הַזָּרַע וְהִטִּיפוּ הֶהָרִים עָסִיס
וְכָל־הַגְּבָעוֹת תִּתְמוֹגַגְנָה׃ ח וְשַׁבְתִּי אֶת־שְׁבוּת

דעם מלך איז בייז געווען אין הארצען אויף די שאנדע וואס דער מלך האט אים געטאהן, אונ אויף דעם כבוד וואס ער האט געגעבין דעם אנדערין שר, אונ דער שר וואס איז געוועזן געפיינט פון מלך איז געוועזן פריילך אויף דעם כבוד וואס דער מלך האט אים געגעבען, אונ אויף די נקמה וואס ער האט געהאט צו זעהן ווי שענדליך מען האט געטאהן דעם אנדערין שר וואס ער איז געוועזן געליבט פון מלך. נאכדעם איז דער מלך מיט די צוויי שרים אונ זיינע בעדינטע געקומען צוריק אין שטאט, די זאך וואס דא איז געוועזן אין וואלד איז שוין באלד פארגעסין געווארין. אמאל האט געטראפין אין די שטאט פון מלך איז געוועזן אגרויסער יריד אויף דעם יריד זענען צו זאמען גיפארען פיל מענטשין, פיל גרויסע שרים פון פיל שטעט, האט דער מלך גיבאטין זיינע קנעכט זיי זאלין נעמען דעם שר וואס ער האט אים פיינט אונ זאלין אים אויסטאהן זיינע קליידער, אונ זאלין אים אנטאהן אלטע צוריסענע קליידער, אונ זאלין אים פירען אין אלע גאסען אונ זאלען אויסשרייען אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס האט נים גיטאהן ווי דער קעניג האט גיבאטין, נאכדעם זאלין די קנעכט נעמען דעם אנדערין שר וואס דער מלך האט אים ליב, אונ זאלין אים אנטאהן קעניגליכע קליידער מיט קעניגליכע צירונג אונ זאלין אים זעצין רייטען אויף דעם קעניגליכען פערד, אונ זאלין אים פירען אין אלע גאסען אונ מען זאל שרייען פאר אים אזוי ווערט גיטאהן צו דעם מענטש וואס דער מלך וויל אים געבין כבוד, דאמאלס איז דערוואסט גיווארין די חכמה פון מלך, ווייל דער מלך האט געדארפט געבען צו ביידע שרים אבעלוינונג אונ אשטראף, אזוי ווי ער האט זיי צו גיזאגט, אונ ער האט נים גיוואלט געבין זיין גוטען פריינד אזוי אגרויסע פארשעמונג, אונ ער האט נים גיוואלט געבין זיין שונא אזוי אגרויסען כבוד, דריבער האט דער מלך גיגעבען דעם גוטען פריינד זיין פארשעמונג אין וואלד פאר די ביימער, אונ דעם שונא האט ער גיגעבען זיין כבוד אויך אין וואלד פאר די ביימער, דער גוטער פריינד איז נים פארשעמט גיווארין, אונ דער שונא האט קיין כבוד געהאט, אבער די שאנדע וואס דער שונא האט געהאט אין שטאט אויף דעם יריד פאר טויזענטער מענטשין דאס איז טאקי געוועזן אשאנדע, אונ דער כבוד וואס דער גוטער פריינד האט געהאט אין שטאט אויף דעם יריד פאר טויזענדער מענטשין. דאס איז טאקי געוועזן כבוד, אזוי טוהט הקדוש ברוך הוא וואס ער איז דער מלך פון דער וועלט, מיט זיינע קנעכט, מיט די צדיקים אונ רשעים. די צדיקים קומט שכר פאר זייערע מצות, אונ ווייל עס איז נישטא אפילו אצדיק אן זינד, קומט זיי אשטראף פאר זייערע זינד. די רשעים קומט אשטראף פאר זייערע עבירות, אונ

פירוש ע"ט

כי איך וועל נים פאר טיליגען דאס הויז געזינד פון יעקב נאר דיא מלוכה פון יהוא וועל איך פאר טיליגען נאום יי אזוי זאגט גאט: (ג) כי דען איך וועל ניביטען והניעותי בכל הגוים אונ איך וועל אידם פאר וואגלען צווישען אלע פעלקער אונ בית ישראל דאס הויז געזינד פון דיא ישראל כאשר ינוע בכברה אזויא וויא דיא גראבע קלייען ווערין גיוואגעלט אין דער זיפ ולא אונ עס קאן נים פאלען אשטיקיל אויף דער ערד אזוי וועל איך דיא ישראל אויך פאר וואגלען: (ד) בחרב ימותו מיט דער שווערד פון דעם שונא וועלען זייא געטייט ווערען כל חטאי עמי אלע זינדיגער פון מיין פאלק האומרים וואס זיי זאגין לא תגיש ותקדים עס וועט נים גינעהנען אונ עס וועט נים געשווינט קומען בעדינו הרעה פון אונזערע שלעכטע מעשים זעגין דאס בייז: (ה) ביום ההוא אין דעם דאזיגען טאג וואס איך וועל זיי שוין פאר וואגלען וועט דער נאך קומען דער טאג פון דער גאולה אקים את סוכת וועל איך שוין אויף שטעלען אונ אויף רעכטען דיא סוכה כלומר דיא מלוכה פון דוד הנופלת וואס זיא איז היינט גיפאלען וגדרתי את פרציהן אונ איך וועל פאר צאמען זייערע אויס־ברעכונג והריסותיו אונ זיין צו ווארפונג אקים וועל איך אויף שטעלען ובניתיה כימי עולם אונ איך וועל זיא באהען אזוי וויא דיא ערשטע טעג: (ו) למען דרום יירשו דיא ישראל וועלען ירשנען את שארית דאס איבער בלייבונג אשר וום מיין נאמען ווערט אן גרופען אויף זיי אויף דיא ישראל: (ז) הנה עס וועט קומען אזעלכע טעג זאגט גאט ונגש חורש בקוצר עס וועט גענעהנען דער וואס אקערט צו דעם שניטער ודורך ענבים אונ דער וואס טרעט וויין טרויבין וועט זיך באגעגענען במושך הזרע מיט דעם וואס זייעט והטיפו ההרים עסים אונ דיא בערג וועלען טריפען זיסקייט וכל הגבעות אונ דיא אלע הייך התמוגגנה וועלען צו גיין מחמת רעגען: (ח) ושבתי אונ איך וועל ווידער קערען דאס וויל־דעקייט

